בעזרת השם יתברך

# ספר

# אויסגעלייזט

## פֶּסַח

בְּרִיוו פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת, עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה, ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּנוּצְן רִיכְטִיג דִי לִיכְטִיגֶע טֶעג פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח, זְמַן חֵירוּתֵנוּ.

גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

**אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב**

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד

**מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב**

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש**

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא, מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב, עִיר הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תּוֹבְבָ"א

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"ת - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

# רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה

## נדפס לזכות
## מורינו ראש הישיבה שליט"א
וזוגתו
## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם
## שלמה ומשפ',
## אלחנן חיים ומשפ',
## מרים העניא זיסל ומשפ',
## שמעון ומשפ',
## נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# אויסְגֶעלֵייגְט


חוֹדֶשׁ נִיסָן ........ א
קשר״ק ........ ד
אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ נֶעמֶען אַ גוֹי'טֶע צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים? ........ ז
הֲלָכוֹת פוּן כַּשֶׁרְ'ן ........ ט
כָּשֵׁר לְפֶּסַח ........ יב
זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט ........ יג
בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז זַייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן פֶּסַח, וְוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ? ........ יג
מִנְהָגִים ........ טז
וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיי דִי חוּמְרָא פוּן גֶעבְרָאקְטְס אוּם פֶּסַח? ........ יז
וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הַאלְטְן אוּנְזֶערֶע חוּמְרוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב? ........ כא
שַׁבָּת הַגָּדוֹל ........ כד
עֶרֶב פֶּסַח שֶׁחַל בְּשַׁבָּת ........ כד
נִיסִים, תְּפִלָּה, בְּרַחֲמֵי הוּא דְעָבַד ........ כז
הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן ........ כח
דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט אַלֶעס אִין פְּלַאץ ........ כט
הֲכָנָה לְיוֹם טוֹב ........ ל
וֶוען מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִיק קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב ........ לה
פֶּה-סָח ........ לו
בְּדִיקַת חָמֵץ ........ לו
אַ שְׁטִיק פֶּסַח ........ מ
שְׂרֵפַת חָמֵץ ........ מא
שָׁלוֹם בַּיִת ........ מב
עֶרֶב פֶּסַח ........ מג
חַג הַפֶּסַח ........ מח
יְצִיאַת מִצְרַיִם, הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם ........ נ
וִוי אַזוֹי דַאנְק אִיךְ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט מִיר דָאךְ גֶעבְרֶענְגְט דִי צָרָה? ........ נג
לֵיל הַסֵּדֶר ........ נה
זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן מַיין טַאטֶע, אָדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין וַוייבּ? ........ נה
סֵדֶר ........ נז
מַגִּיד ........ נט
מַצָּה ........ סא
מָרוֹר ........ סד
בָּרֵךְ ........ סד
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיכֶער מַאכְן אַז מַיין גֶעלְט זָאל מִיר נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין? ........ סח
בַּיים בֶּענְטְשְׁן, מֶעג מֶען דַאנְקֶען אוֹיף אִידִישׁ? ........ עא
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא ........ עג

הַלֵּל ..... עד
נִרְצָה ..... עו
שִׁיר הַשִּׁירִים ..... עט
מַעֲשִׂיּוֹת פַאר קִינְדֶער ..... פג
חוֹל הַמּוֹעֵד ..... פד
שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח ..... צ
אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח ..... צד
הַפְטוֹרַת "עוֹד הַיּוֹם בְּנֹב לַעֲמֹד" ..... צד
נְסִיעַת הַבַּעַל שֵׁם טוֹב ..... צז
מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה ..... צז
מֶעזֶעבִּיזְשׁ ..... צח
דִי מִתְנַגְדִים ..... צט
דִי וֶועגְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע וֶוערְן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט ..... צט
דוּ קֶענְסְט, נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט ..... קא
דִי נְסִיעָה קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ..... קב
דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מַאכְט מוֹפְתִים ..... קה
דִי סֵדֶר נַאכְט אִין אִינְסְטַאנְבּוּל ..... קז
לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ ..... קט
דֶער סוּלְטַאן פוּן טֶערְקֵיי ..... קט
פַארְטְרַייבְּן דִי אִידְן ..... קיב
דֶער חָלוֹם פֶּסַח בַּייְנַאכְט ..... קיב
אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוֹיפְן יַם ..... קטו
גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי רוֹיבֶער ..... קטז
דֶער סוֹד פוּן דִי אוֹתִיּוֹת ..... קיז
צוּרִיק אַהֵיים ..... קיח
שְׁלוּס ..... קיח
אַ שֵׁיינֶע לִימוּד פוּן דִי מַעֲשֶׂה ..... קיח
נֵס מוֹהֲרָא"שׁ ..... קכ
אִסְרוּ חַג ..... קכב
מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ..... קכד
שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח ..... קכו
וֶועלְכֶע סָארְט שְׁלִיסְל חַלָּה מַאכְט מֶען אוֹיף שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח? ..... קכח
כ"ה נִיסן ..... קכט
סְפִירַת הָעֹמֶר ..... קלה
וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג? ..... קלט
מֶעג מֶען הֶערְן נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה אִין דִי סְפִירָה טֶעג אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן? ..... קמ
מַסֶכֶת סוֹטָה אוּן שְׁבוּעוֹת ..... קמא
פֶּסַח שֵׁנִי ..... קמג

בעזהשי"ת

ערב פסח, שנת תשפ"ה לפ"ק

ברוב שבח והודי' צום הייליגן באשעפער זענען מיר זוכה ארויסצוגעבן דעם ספר "אויסגעלייזט", וואס איז כשמו כן הוא, א ספר וואס איז צאמגעקליבן פון די הערליכע בריוון פון דער ראש ישיבה שליט"א וואס איז געדרוקט אין די ספרים "עצתו אמונה", "איש אמונות", און "שפתי תפתח" - אויף די טעג פון פסח, וואס רעכנט אריין די טעג פון פאר פסח, ווי די ימי ניסן, און הכנה ליום טוב, וכו', און די טעג נאך פסח, ווי אסרו חג, ספירת העומר, וכו', און ווייזט א וועג ווי אזוי מיר קענען ווערן אויסגעלייזט פון אלע ענגשאפטן און אלע שלעכטס פונעם יצר הרע, און לעבן מיטן אייבערשטן און מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

צווישן די שטיקלעך וואס מיר ברענגען אראפ זענען דא שטיקלעך וואס זעען אויס ענליך, אבער באמת איז עס נישט דאפעלט, נאר אין יעדע שטיקל איז דא אן אייגארטיגע חידוש.

אילו פינו מלא שירה כים וכו', קענען מיר נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטן פאר די מתנה וואס מיר האבן זוכה געווען, אז דער ראש ישיבה געבט אונז איבער די הערליכע שיעורים מידי יום ביומו פאר אונז און פאר אונזערע קינדער, און פאר די הערליכע בריוון וואס דער ראש ישיבה שרייבט אונז מיט מסירות נפש טאג טעגליך, און פאר די ימים טובים און יומי דפגרא, ווי אזוי דאס אויסצוניצן אויף די ריכטיגע וועג, צו ווערן נענטער צום אייבערשטן, און אים דינען מיט שמחה און געשמאק.

מיר ווילן באדאנקען האברך החשוב ר' יודא לייב ווייס הי"ו, ר' יצחק פאפנהיים הי"ו מנהל מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש, און ר' שמעון עוזר פערל הי"ו, פארן אריינלייגן פיל כוחות און הארעוואניע אז דער ספר זאל קענען ארויסקומען בס"ד.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו די ברכה וואס דער ראש ישיבה וואונטשט אין די טעג אין די בריוון: מיר זאלן זוכה זיין צו (פסחים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מיכה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אמן.

קראו ותחי נפשכם

א כשר'ן פרייליכן פסח

מכון עצתו אמונה

# חודֶש ניסָן

הַיינט - ראֹש חודֶש ניסָן - איז דֶעם רֶבּינ׳ס יום הולֶדֶת. מיר דַארְפְן זיך בַּאנֵייעֶן, דֶער רֶבּי הָאט גֶעוָואלְט מיר זָאלְן נישְט זַיין אַלְט, שְטֶענְדיג זַיין נֵיי, פְריש. דֶער רֶבּי הָאט זֵייעֶר אויסְגֶערוּמְט דֶעם הֵיילִיגְן צַדיק רֶבּי זושָא זְכוּתו יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער רֶבּי הָאט גֶעזָאגְט: ״דֶער צַדיק רֶבּי זושָא איז אַרום גֶעגַאנְגֶען צְוֵויי און צְוָואנְצִיג יָאר בִּרְצִיפוּת מיטְן זֶעלְבְן בְּרֶען צום אֵייבֶּערְשְטְן״; דָאס איז אַ זֵייעֶר אַ גְרויסֶע מַדְרֵיגָה, ווייל בְּדֶרֶךְ כְּלָל וֶוען מֶען הויבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְטְן - הויבְּט מֶען אָן מיט אַ בְּרֶען און נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען, מֶען קִילְט זיך אָפּ; אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער צַדיק איז אַרום גֶעגַאנְגֶען מיטְן זֶעלְבְן בְּרֶען פַאר צְוֵויי און צְוָואנְצִיג יָאר.

די זַאכְן, די מַדְרֵיגות פון צַדיקים - קֶענֶען מיר אויך בַּאקומֶען, דָאס איז די זַאך בַּיים רֶבּי׳ן, דֶער רֶבּי מיט זַיינֶע עֵצות בְּרֶענְגְט אונְז - פְּשוּט׳ֶע פַארְגְרֶעבְטֶע מֶענְטְשְן - צו גָאר שֵיינֶע זַאכְן.

...

גֶעלויבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְטְן אַז מיר זֶענֶען אַרַיין אין חודֶש ניסָן; דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער זָאל הֶעלְפְן מיר זָאלְן זוכֶה זַיין צו מְקַבֵּל זַיין דֶעם יום טוב פֶּסַח בְּשִמְחָה און מיט פְרֵייד, מיר זָאלְן ניצול וֶוערְן פון חָמֵץ - סֵיי די גַשְמִיות׳דִיגֶע חָמֵץ און סֵיי די רוּחָנִיות׳דִיגֶע חָמֵץ פונֶעם יֵצֶר הָרָע, וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אין אונְז עַצְבוּת און מָרָה שְחורָה, עֶר איז אונְז מְטַמֵא מיט שְלֶעכְטֶע מַחֲשָבות. יֶעצְט וֶוען מיר רוימֶען אויס דֶעם חָמֵץ פון שְטוּב דַארְפְן מיר אויך אויסְרוימֶען די כַּעַס און מְרִירוּת, און זֶען אַז מיר זָאלְן שְטֶענְדיג זַיין פְרֵיילִיך און צופְרידְן.

איך בֶּעט דיר זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען מֶען איז פַארְנומֶען אין אַלֶע שְטיבֶּער מיט די הֲכָנות פַארְן יום טוב, זָאלְסְטוּ רַחְמָנות הָאבְּן אויף דַיין ווייבּ; זֶע איר צו הֶעלְפְן מיט די הֲכָנות פַאר יום טוב. חֲכָמֵינוּ זִכְרונָם לִבְרָכָה דֶערְציילְן (שַבָּת קיט.) אַז די הֵיילִיגֶע תַנָאִים און אֲמורָאִים פְלֶעגְן אַלֵיין עוסֵק זַיין אין די הֲכָנות לִכְבוד שַבָּת; רַב סַפְרָא הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט דֶעם קָאפּ פון אַ בְּהֵמָה לִכְבוד שַבָּת, רָבָא הָאט אַלֵיין גֶעזַאלְצְן די פִיש, רַב הוּנָא

הָאט אָנְגֶעגְרֵייט דִי לִיכְט, רַב פָּפָּא הָאט גֶעמַאכְט דִי קְנוֹיטְן, רַב חִסְדָא הָאט גֶעשְׁנִיטְן דִי גְרִינְצֵייג, רַבָּה אוּן רַב יוֹסֵף הָאבְּן גֶעהַאקְט הָאלְץ, רֶבִּי זֵירָא הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דִי פֵייעֶר מִיט קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ, רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק הָאט אַלֵיין אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע קְלֵיידֶער אוּן כֵּלִים, עַיֵין שָׁם; אוֹיבּ עֶס הָאט גֶעפַּאסְט פַאר דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֵיי זָאלְן אָנְגְרֵייטְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט וְכוּ׳, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט, נָאר אַדְרַבָּה, זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעטוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס שִׂמְחָה, דַארְפְן מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ טוּן חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, פַאר חֲבֵרִים וְכוּ׳, אָבֶער אִין שְׁטוּבּ לֵייגְט עֶר נִישְׁט צוּ דִי הֶענְט אִין קַאלְט וַואסֶער. אַוַדַאי דַארְף מֶען טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶער דָאס טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיף דִי וַוייבְּ׳ס חֶשְׁבּוֹן, חֶסֶד הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: ״אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ יָא אִיז דִי וַוייבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער״; אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען חֲבֵרִים וִוי לַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר, אָבֶער וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר.

...

הֶעלְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח אִין שְׁטוּבּ; גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ, מֶען קֶען זַיין אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם וֶוען מֶען הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ״.

...

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אוּנְז (מִשְׁלֵי יא, יז): אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער וָואס הֶעלְפְט זַיין שְׁטוּבּ - ״גֹּמֵל נַפְשׁוֹ אִישׁ חָסֶד״, אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ טוּט גוּטְס מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, ״וְעֹכֵר שְׁאֵרוֹ אַכְזָרִי״, אָבֶער אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן אַכְזָר פַאר זַיינֶע קְרוֹבִים; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס שְׁטֶעלְן צוּ דֶעם

פֶּסַח, זֵיי רֵיינִיגְן דֶעם שְׁטוּב מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָשׁ, קוֹים וָואס אַ פְּרוֹי הָאט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אִיר טָאג טֶעגְלִיכֶע וִוירְטְשַׁאפְט סְתָּם אַזוֹי, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶרֶב פֶּסַח אַרְבֶּעטְן זֵיי אַזוֹי שְׁוֶוער; בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין לֶעבְּן, הֶעלְף אִיר, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין וֶועט דִיר גוּט זַיין.

...

וֶוען מֶען וואוּנְטְשְׁט אָן אַ מֶענְטְשׁ אִין דִי טֶעג זָאגְט מֶען: "אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים" אוּן "אַ כָּשֵׁר'ֶע פֶּסַח", עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז מֶען דַארְף וואוּנְטְשְׁן פַארְקֶערְט: "אַ כָּשֵׁר'ֶע פּוּרִים" - וַוייל פּוּרִים אִיז יֶעדֶער פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער עֶס דַארְף אוֹיךְ זַיין כָּשֵׁר, אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן אוֹיף פֶּסַח זָאל מֶען וואוּנְטְשְׁן: "אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח" - וַוייל אַ כָּשֵׁר'ֶע פֶּסַח הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער, וַוייל מֶען וַואשְׁט אוּן מֶען רוֹימְט אוּן מֶען קְרַאצְט אוּן מֶען רַייבְּט שׁוֹין וָואכְן פַאר פֶּסַח, נָאר נִישְׁט יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ פֶּסַח, וַוייל אַסַאךְ מָאל פוּן אַזוֹיפִיל חוּמְרוֹת וֶוערְט מֶען אָנְגֶעצוֹיגְן, וֶועגְן דֶעם וואוּנְטְשְׁט מֶען אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

...

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת, אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם סַמֵ"ךְ מֶ"ם אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן, מַה שֶׁאֵין כֵּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נִישְׁט בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָׁה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת - אִיז עֶר בַּיי דִי טוּמְאָה. דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן וואוּ עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה,

ווייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", וֶוען אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ' - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קֵיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט).

בִּפְרַט וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה, ווייל פֶּסַח גֵייט דָאךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן גָלוּת מִצְרַיִם. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): "חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם"; דַארְף מֶען נָאכְמֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף שִׂמְחָה, ווייל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן דֶעם אִיד, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אִים אַוֶועק גַנְבְ'נֶען זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן זַיינֶע קְדֻשּׁוֹת, עֶר זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער טַאטֶע זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אָדֶער מַאן אוּן ווייבּ זָאלְן זִיךְ צֶעאַנְפֶּערְן וְכוּ'.

דֶערְפַּאר דַארְף מֶען הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי שְׁטוּב; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז 'שְׁטוֹיבּ אִיז חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען דִי קָרְבַּן פֶּסַח', מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען מַאכְט פֶּסַח'דִיג אַז שְׁטוֹיבּ אִיז נִישְׁט קֵיין חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קֵיין קָרְבַּן פֶּסַח", אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אַ מַשֶּׁהוּ כַּעַס אִיז מִדְּאוֹרַיְתָא אוּן אַ מַשֶּׁהוּ עַצְבוּת אִיז חָמֵץ גָּמוּר - אוֹיף דֶעם הֶעלְפְּט נִישְׁט קֵיין בִּיטוּל אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת בִּפְשִׁיטוּת, ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קֵיין חָכְמוֹת.

## קשר"ק

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יא:) אַז דִי נֵס פוּן מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען

בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן פוּן יֶענֶעם דוֹר, אוּן אַזוֹי וֶועט אוֹיךְ זַיין בַּיי דִי גְאוּלָה, מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן פוּנֶעם דוֹר.

מֶען זֶעט ווִי אַלֶע פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן אַרַיין אִינֶעם פֶּסַח; מֶען קְרַאצְט, מֶען רַייבְּט, מֶען וַואשְׁט אוּן מֶען כַּשֶׁר'ט, וָואס פוּן דֶעם קוּמֶען אַרוֹיס הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזְן - קשר"ק, וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דִי אַרְבֶּעט וָואס דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן פַאר פֶּסַח, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן קְ'רַאצְן שַׁ'ארְן רַ'ייבְּן אוּן כַּ'שֶׁרְ'ן.

...

דִי הֲלָכָה אִיז אַז בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר דַארְף מֶען הָאבְּן אַ בַּעַל מַקְרִיא וָואס זָאגְט: "תְּקִיעָה, שְׁבָרִים, תְּרִיעָה", אַזוֹי וֵוייסְט דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ וָואס צוּ בְּלָאזְן, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז אַזוֹי דַארְף אוֹיךְ זַיין בַּיים פֶּסַח'דִיג מַאכְן; דֶער מַאן דַארְף הֶעלְפְן מְסַדֵּר זַיין דִי קְ'רַאצְן, שַׁ'ארְן, רַ'ייבְּן אוּן כַּ'שֶׁרְ'ן אַזוֹי וֶועלְן אַרוֹיס קוּמֶען שֵׁיינֶע מַלְאָכִים וְכוּ'. אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן, קֶען מֶען אָבֶּער מִיט אַבִּיסְל גוּטֶע וֶוערְטֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן, מִיט אַבִּיסְל מְסַדֵּר זַיין וָואס צוּ טוּן קוֹדֶם אוּן וָואס נָאכְדֶעם; בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ. רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס חַס וְשָׁלוֹם אוּן בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִין שְׁטוּבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח), אַז דוּרְךְ כַּעַס שְׁטוּפְּט מֶען אַוֶועק פוּן זִיךְ דִי פַּרְנָסָה.

...

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; דִי פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן יֶעצְט עֶרֶב יוֹם טוֹב אַזוֹי שְׁוֶוער אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח בְּתַכְלִית הַכַּשְׁרוּת, קוּים קוּים וָואס אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע קֶען זִיךְ בַּאפָארֶען מִיט אִירֶע קִינְדֶער סְתַּם אַ טָאג, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז יֶעצְט אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג דַארְפְן זֵיי אַסַאךְ חִיזוּק אוּן עִידוּד זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּזַאמְפַאלְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.

...

פון דעם קען מען זען דאס גרויסקייט פון די פרויען, ווי זיי לייגן אריין זייער גאנצע כח אין דעם פסח אז עס זאל זיין זויבער אין ריין. זאלסט וויסן אז יעדע זאך וואס מען טוט לכבוד יום טוב, סיי רוימען, סיי קאכן און סיי איינקויפן לכבוד יום טוב, פון יעדע זאך האט דער אייבערשטער הנאה, און דער אייבערשטער באצאלט פאר יעדן איינעם לויט די ארבעט וואס מען טוט. און ווען מען גלייבט אין דעם איז אלעס גרינגער, און אלעס גייט אזוי ווי עס דארף צו זיין.

דערפאר דארף מען זיין זייער פרייליך. עס איז טאקע שווער יעצט פאר פסח מיט די גאנצע ווירטשאפט וואס ליגט אויף די פרויען, אבער פון הימל קוקט מען צו צו די ארבעט וואס די פרויען ארבעטן, און בזכות נשים צדקניות וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן.

...

אמאל איז א פרוי געקומען צום הייליגן סטייפלער גאון זכרונו לברכה און אים אנגעפרעגט וכו', נישט צו האבן קינדער וכו' ווייל זי האט נישט קיין כח, האט דער סטייפלער גאון איר געזאגט: "יעדער מענטש שרייבט מען אפ ראש השנה וויפיל כח ער וועט האבן און וויפיל ער זאל זיך מוטשען וכו', אויב מען דרייט זיך ארויס פון די ארבעט פון קינדער וכו' מיינט נישט אז מען דרייט זיך ארויס פון די פלאג, דעמאלט קומט אנדערע פלאג"; דאס זעלבע זאג איך אייך, די וואס דרייען זיך ארויס פון פסח'דיג מאכן מיינט נישט אז זיי דרייען זיך ארויס פון ארבעטן, ווייל עס קומט אנדערע שווערע ארבעט. דעריבער זאלט איר זיך פרייען אז אייער פלאג, ארבעט און מי - גייט אריין אין מצות און אין גוטע זאכן. אין אנגרייטן פאר יום טוב און אין זיך באשעפטיגן מיט קינדער.

ווען עס איז אייך גאר ביטער זאגט ארויס שטילערהייט א ווארט פון מויל, זאגט: "טאטע, געב מיר כח", וועט אייך גלייך גרינגער ווערן.

...

## אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ נֶעמֶען אַ גוֹי'טֶע צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַסַאךְ פוּן אַייךְ אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען אַ "קְלִינִינְג לֶעדִי" אִינְדֶערְהֵיים, מֶען זָאל נֶעמֶען אַ גוֹי'אִישֶׁע הֶעלְפֶּערְקֶע אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן מִיט דִי אַרְבֶּעט אִינְדֶערְהֵיים, אַז דִי פְרוֹי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען.

תּוֹרָה הִיא וְלִלְמוֹד אֲנִי צָרִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר "חַסְדֵי אָבוֹת" זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, דָאס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן צְנִיעוּת, חִינוּךְ, יִחוּד, הִרְהוּרִים רָעִים, אוּן נָאךְ.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן, קֶען זַיין אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַנְדֶערְשׁ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ט' אִיָּר, כ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען רֶעדְן צוּ אִינְגֶעלַייט מֶען זָאל הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן נֶעמֶען אַ פְרוֹי וָואס רֵיינִיגְט אִין שְׁטוּבּ (קְלִינִינְג לֶעדִי) בִּשְׁעַת מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט קְלָאר אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען קַיין פְרֶעמְדֶע פְרוֹי אִין שְׁטוּבּ צוּ רֵיינִיגְן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר חַסְדֵי אָבוֹת (עַל פִּרְקֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב, מִשְׁנָה ח) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: "מַרְבֶּה שְׁפָחוֹת מַרְבֶּה זִמָּה", אֵיינֶער וָואס פַארְמֶערְט שְׁפָחוֹת פַארְמֶערְט עֲבֵירוֹת; זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען גוֹי'טֶעס וָואס רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ, וַוייל מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אוּן אֲפִילוּ מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, אָבֶּער אִין טְרַאכְטְן פוּן אַן עֲבֵירָה פַאלְט מֶען זִיכֶער אַרַיין, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סד.): "אִם מִידֵי עֲבֵירָה יָצָאנוּ, מִידֵי הִרְהוּר לֹא יָצָאנוּ", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא כט:): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה"; נָאךְ זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז מֶען קֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אִיסוּר יִחוּד. אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פִירְט דָארְט אוֹיס אַז מֶען זָאל אָנְזָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין גוֹי'טֶע.

דַארְפְסְטוּ אָבֶער ווִיסְן דֶעם כְּלָל אַז (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ג, הֲלָכָה ה) : "דִּבְרֵי תּוֹרָה עֲנִיִּים בִּמְקוֹמָן, וַעֲשִׁירִים בְּמָקוֹם אַחֵר" ; קוּק אַרַיין אִין דִי אַנְדֶערֶע פֵּירוּשִׁים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף אָבוֹת ווִי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אוֹיבּ דִי ווַייבּ דַארְף אַ פְרוֹי אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ אִין דִי צַייט וֶוען דִי קְלִינִינְג לֶעדִי אִיז דָארְט. אַזוֹי אוֹיךְ טָארְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ, ווַייל מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַזוֹי ווִי מִיר ווֵייסְן ווִי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קיד) : "סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז מֶע מוּז זִיךְ פוּן אַ הִרְהוּר זֵייעֶר הִיטְן".

אַזוֹי פִירְן זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין פְרֶעמְדֶע פְרוֹי וֶוען דֶער מַאן אָדֶער דִי אִינְגְלֶעךְ גֶעפִינֶען זִיךְ אִין שְׁטוּבּ ; מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין. דָאס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַזוֹי קֶעגְן אַרַיין נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וָואס הֶעלְפְן רֵיינִיגְן, ווַייל אַז דֶער מַאן אָדֶער דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ, אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְגֶערוֹימְט ווִי אֵיידֶער מֶען זָאל צוּקוּמֶען צוּ אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

אֵיין יָאר פַאר פֶּסַח הָאט מֶען אִיבֶּערְגֶעפַּארְבְּט דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁטוּבּ אִין בְּרֶסְלֶב ; מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן אַלֶע מֶעבְּל וְכוּ׳ אִינְדְרוֹיסְן, אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג, אוּן אוֹיף דִי כֵּלִים וָואס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט לַיילֶעכֶער עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג. בַּיים רֶבִּי׳ן אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַ זֵייגֶער, אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער אָדְל הָאט דָאס בַּאדֶעקְט מִיט אִיר טִיכְל אַז עֶס זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג וֶוערְן, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן דָאס בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט : "נִישְׁט מִיט אַזַא זַאךְ דֶעקְט מֶען אִיבֶּער, עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען הַיינְט אַזֶעלְכֶע פַארְמִישְׁטֶע מֹחוֹת, וָואס וֶוען זֵיי זֶעהְן נָאר אַ פְרוֹיעֶן טִיכְל בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת ! נֶעם עֶס אַרָאפּ אוּן דֶעק עֶס אִיבֶּער מִיט אַ צְווֵייטֶע זַאךְ". זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז מֶען זָאל הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

ווָאוּיל אִיז פַאר דֶעם וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין גוֹי׳טֶעס וֶוען דֶער מַאן אָדֶער אִינְגְלֶעךְ זֶענֶען דָארְט, וֶועט מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער רֵיין אוּן הֵיילִיג.

# הֲלָכוֹת פוּן כַּשֶׁרְ'ן

אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ כַּשֶׁרְ'ן, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר הֲלָכוֹת כְּדֵי דוּ זָאלְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ כַּשֶׁרְ'ן דַיין קָאךְ לְכָבוֹד פֶּסַח.

**פְּרִידְזְשִׁידֶער** - דָאס דַארְף מֶען גוּט אוֹיסְוַואשְׁן וַוייל דָאס אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הַאלְט חָמֵץ אַ גַאנְץ יָאר; מֶען דַארְף עֶס נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן וַוייל מֶען הַאלְט דָארְט נָאר קַאלְטֶע זַאכְן. אָבֶער הֱיוֹת אַסַאךְ מָאל לֵייגְט מֶען אַרַיין דָארְט אַ הֵייסֶע טָאפּ, אִיז ווִיכְטִיג אִיבֶּער צוּ דֶעקְן אַלֶע שֶׁעלְפְּס מִיט אַ צוּדֶעק אַז עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר פַאר פֶּסַח.

**כַּשֶׁרְ'ן** - מֶען קֶען נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן נָאר אַז מֶען קֶען גוּט דִי הֲלָכוֹת:

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען ווִיסְן וֶוען מֶען כַּשֶׁר'ט אַז מֶען קֶען נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן קַיין שְׁמוּץ; דָאס הֵייסְט אוֹיבּ דִי זַאךְ וָואס מֶען כַּשֶׁר'ט אִיז נִישְׁט זוֹיבֶּער - הֶעלְפְט נִישְׁט דָאס כַּשֶׁרְ'ן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיכֶער מַאכְן פַאר מֶען כַּשֶׁר'ט צוּ רֵיינִיגְן אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען אַלֶע שְׁמוּץ.

· נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז מֶען קֶען נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן אַ כֵּלִי, אַ טִישׁ, אָדֶער דִי קַאוּנְטֶער וְכוּ' נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אַרִיבֶּער כָאטְשִׁיג פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אָן נִיצְן דִי כֵּלִי, טִישׁ, אָדֶער קַאוּנְטֶער וְכוּ' הֵייסֶערְהֵייט. דֶערִיבֶּער, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט כַּשֶׁרְ'ן דַיינֶע קַאוּנְטֶערְס דַארְפְסְטוּ שׁוֹין אַ טָאג פַאר דֶעם אוֹיפְהֶערְן צוּ נִיצְן דִי קַאוּנְטֶער פַאר הֵייסֶע זַאכְן.

· מֶען קֶען כַּשֶׁרְ'ן מִיט אַ חָמֵצְ'דִיגֶע כֵּלִי; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס דַארְף זַיין רֵיין אוּן נִישְׁט הָאבְּן גֶענוּצְט פַאר פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה.

· וֶוען מֶען כַּשֶׁר'ט דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז דִי וַואסֶער קָאכְט אוּן עֶס הוֹיבְּט אָן אַרוֹיפְקוּמֶען בָּאבְּלֶעךְ, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט קֶען מֶען כַּשֶׁרְ'ן.

**קַאוּנְטֶערְס** - דָאס דַארְף מֶען גוּט אוֹיסְרַייבְּן, זוֹיבֶּער מַאכְן אוּן אוֹיךְ כַּשֶׁרְ'ן מִיט הֵייסֶע וַואסֶער; דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז הֱיוֹת מִיר דֶעקְן סַיי ווִי אִיבֶּער אַלֶע קַאוּנְטֶערְס, מֶען נוּצְט דָאךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם קַאוּנְטֶער אָדֶער טִישׁ אוּן דָאס גְלַייכְן נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט, דֶערִיבֶּער אִיז גֶענוּג מֶען זָאל

כּשר'ן מיט אַ הייסע טאָפּ אַפילו אָן אַ שטיין. מען זאָל גיסן דריי מאָל מיט אַן 'עירוי כּלי ראשון', דאָס הייסט מען נעמט דעם טאָפּ און מען גיסט פון דעם אַליין אויפן קאַונטער, און שפּעטער דעקט מען גוט צו דעם קאַונטער מיט בּלעכן אָדער פּלעסטיק.

געז רענטש – די 'רינגען' (גרעיטס) אויף וואָס די טאָפּ ליגט קען מען נישט כּשר'ן מיט הייס וואַסער, דאָס מוז מען גליען מיט פייער - 'לבון חמור' – ביז עס ווערט אַזוי רויט אַז אויב מען געבט אַ האַק דערויף גייט אַרויס פינקען פייער, דערפאַר איז כּדאי צו קויפן בּאַזונדערע פּסח'דיגע רינגען ווייל עס איז נישט קיין גרינגע זאַך דאָס צו פּסח'דיג מאַכן. אויב האָט מען נישט קיין פּסח'דיגע דאַרף מען גיין צו אַ פּלאַץ פון "הגעלת כּלים" מיט אַ גוטע הכשר און זיי זאָלן דאָס גוט מאַכן.

• אויב האָט מען העכער די געז רענטש אַ הוד פאַר די רויך און פאַרע דאַרף מען דאָס אויך איבער דעקן מיט זילבער פּאַפּיר.

בּכלל איז וויכטיג צו וויסן אַז מוהרא"ש האָט געהאַלטן אַז מען זאָל האָבן בּאַזונדערע כּלים פאַר פּסח, בּפרט היינטיגע צייטן ווען עס איז נישט אַזוי טייער און שווער צו האָבן בּאַזונדערע כּלים, פלעגט מוהרא"ש זאָגן מען זאָל נישט כּשר'ן קיין חמץ'דיגע כּלים נאָר קויפן בּאַזונדערע כּלים פאַר פּסח.

...

מען נוצט נישט פּסח קיין חמץ'דיגע געשיר; אַפילו האַנטוכער און טישטוכער וכו' איז כּדאי צו האָבן בּאַזונדערע לכבוד פּסח, און אַפילו די טעפּל וואָס ליגט אינעם סינק נוצט מען נישט פּסח ווייל עס ווערט חמץ'דיג (די נעגל וואַסער טעפּל קען מען יאָ נוצן פון אַ גאַנץ יאָר ווייל דאָס קומט נישט אין בּאַרירונג מיט חמץ); פאַר אַ יונגערמאַן ווי דיר וואָס דו האָסט נאָך אַ קליינע משפּחה איז נישט שווער זיך איינצורישן צובּיסליך אויף פּסח, מען קויפט איין לויט די גרויסקייט פון די משפּחה וכו'.

...

בּעכערס – איז כּדאי צו האָבן אַ בּאַזונדערע בּעכער פאַר פּסח; עס איז

ענדערש צו האבן א גלאז וואס איז פֶּסַח׳דיג ווי צו נעמען דעם זילבערנעם בעכער פון א גאנץ יאר.

סינק – מען דארף אריינלייגן אינעם סינק א פֶּסַח׳דיגע סינק, און די קראן (פאוסע"ט) זאל מען אנגיסן מיט הייסע וואסער דריי מאל. אויך זאל מען בשעת מען גיסט ארויף די הייסע וואסער לאזן רינען די קראן מיט הייסע וואסער, די הייסטע וואס איז שייך; אויב מען טוט אזוי פעלט נישט אויס צו כשר׳ן מיט א שטיין.

טיש – נאכן כשר׳ן מיט הייסע וואסער דארף מען דאס גוט איבערדעקן מיט הארטע פלעסטיק, און דאס גלייכן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אויסרוימען די חמץ און אויך דעם יצר הרע וואס מאכט אונז חמצ׳דיג מיט עבירות, מחלקת וכו׳ וכו׳.

...

אז דו בלייבסט פֶּסַח ביי דיר אין שטוב, אפילו דו וועסט נישט עסן אין שטוב – דארפסטו פֶּסַח׳דיג מאכן דיין גאנצע דירה און איבערדעקן אלע חמצ׳דיגע כלים; די טישן, די קאונטערס און די שאפעס, אלעס דארף ווערן צוגעדעקט מען זאל דאס נישט זען. אויב דו ווילסט נוצן דיין קאך פֶּסַח, דו ווילסט דארט עסן און טרינקען הייסע זאכן – דארפסטו דאס כשר׳ן כהלכה.

מאך פֶּסַח׳דיג דיין קאר אז דו זאלסט קענען נוצן דיין קאר חול המועד צו קענען פארברענגען מיט דיין משפחה; ווארט נישט אויף די לעצטע מינוט און שטופ עס נישט אפ, וואס מען קען שוין טון יעצט איז כדאי שוין יעצט צו טון.

צייכן דיר אן די פאר שאפעס וואס דו גייסט פארקויפן פארן גוי; דארט לייג אריין אלע חמצ׳דיגע כלים און מאך א סימן אז דאס פארקויפסטו, און דאס ביסל חמץ וואס דו האסט נאך אין שטוב, סיריעל וכדומה, זאלסטו ארויסווארפן און פארברענען.

...

איך האף אז דו וועסט מיר העלפן צוגרייטן דעם יום טוב פֶּסַח און אויסרוימען די ישיבה פון אלע חמץ.

זיי מיר מודיע צי מיר האבן א פּסח׳דיגע סאמאוואר (פּערקיולעיטאר) פאר קאווע, ווייל מען קען נישט נוצן די חמץ׳דיגע.

...

איך בין געגאנגען העלפן מיינע עלטערן, איך האב גע׳כשר׳ט זייער קאך, אויך האב איך געהאט די זכיה צו משמש זיין מיין זיידע דער קארלסבורגער רב (שליט״א) [זכרונו לברכה], איך האב גע׳כשר׳ט ביי אים די קאך. ווען איך בין זיך געגאנגען געזעגענען פון אים און איך האב אים געזאגט: ״די קאך איז שוין גרייט פאר פסח, איך האב עס גע׳כשר׳ט״, געבט ער מיר א פרעג: ״קענסט מיך אויך כשר׳ן פאר יום טוב?״ איך בין ארויס פון דארט מיט א שטארקע התעוררות זעענדיג ווי א איד וואס זיצט און לערנט יומם ולילה לעבט מיט תשובה און וויל זוכה זיין צום פסח, איז דאך זיכער אז מיר וואס מיר דארפן זיך טאקע כשר׳ן פון אונזערע מעשים דארפן מיר זיכער תשובה טון.

בעט דעם אייבערשטן: ״רבונו של עולם, איך וויל זיך כשר׳ן פאר יום טוב, איך וויל זיין כשר, איך וויל זיין ערליך; הייליגער באשעפער נעם ארויס פון מיר אלע חמץ׳דיגע בליעות, אלע נישט גוטע זאכן וואס איך האב איינגעזאפט אין מיר במשך די יאר; איך וויל נישט זיין חמץ׳דיג, איך וויל נישט טון זאכן וואס זענען קעגן דיין ווילן״.

...

## כשר לפסח

מוהרא״ש האט נישט געהאלטן פון עסן פסח די אלע זאכן וואס קומען היינט ארויס מיט א הכשר; מוהרא״ש שרייבט: ״איך פארשטיי נישט די רבנים וואס געבן א הכשר אויף די אלע זאכן!״ אונזערע קינדער וועלן דאך נישט וויסן אז מען טאר נישט עסן קיין חמץ אז זיי זעען ווי מען עסט סיריעל, פּיצא און בעיגל׳ס וכו׳; פסח מישט מען זיך נישט, מען עסט נישט נאר וואס מען מאכט אין שטוב און וואס מען האט געזען ביי די עלטערן. קויף אסאך מצה, דאס זאלסטו עסן א גאנץ יום טוב - דו מיט דיין ווייב און קינדער; יעדע שטיקל מצה איז א רפואה פארן מענטש, אזוי אויך ברענגט יעדע שטיקל מצה אמונה.

אַז מֶען טְרַאכְט אַריין זֶעט מֶען אַז דָאס וָואס מֶען זָאגְט "פֶּסַח הוּנְגֶערְט מֶען" - אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל פֶּסַח אִיז דָא מֶער עֶסְן וִוי אַ גַאנְץ יָאר; מֶען קֶען עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת וָואס יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָה וָואס מֶען עֶסְט פֶּסַח אִיז אַ מִצְוָה, עֶס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אוּן עֶס הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ.

...

## זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ; עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט דִי אַלֶע חוּמְרוֹת אוֹיבּ עֶס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט זָאגְן: "שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט קַיין חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין קָרְבַּן פֶּסַח"; אַ מַשֶׁהוּ כַּעַס אִיז אָסוּר מִדְאוֹרַיְתָא אוּן אַ מַשֶׁהוּ עַצְבוּת אִיז חָמֵץ גָמוּר, אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין בִּיטוּל אַ גַאנְץ יָאר.

...

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס וּקְפֵּידוֹת; גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן וֶוערְן בְּכַּעַס, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי הֵיילִיגְקֵייטְן; וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז זֵייעֶר אַ פַּאסִיגֶע צַייט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן אוּן לִיכְטִיגְקֵייטְן - דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן נֶעמְט אַלֶעס אַוֶועק דוּרְךְ כַּעַס וּקְפֵּידוֹת.

...

### בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז זַייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן פֶּסַח, וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דְרֵיי יָאר צוּרִיק וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, וָואס הָאבְּן מַמָשׁ גֶעעֶפֶנְט מַיינֶע אוֹיגְן.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן נַיינְצְן יָאר, אִיךְ הֶער וִוי דֶער ראש יְשִׁיבָה זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף פִירְן אַ סֵדֶר מִיט רוּאִיגְקֵייט, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִינְדֶערְהֵיים. דָאס אִיז אַלֶעס זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז בַּיי

אונְז אִינְדֶערְהֵיים אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעפֶערְלִיךְ נֶערְוֶועז און שְׁרֵייט זֵייעֶר אַסַאךְ, יֶעדֶעס יָאר קוּמְט צוּ פְרִישֶׁע חוּמְרוֹת בַּיי אוּנְז. מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען צוּ אוּנְז אוֹיף פֶּסַח, ווַייל עֶס אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְרֵיילִיכֶע פֶּסַח, אֶפְשְׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע פֶּסַח צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס; נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר מִיר.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-א, י״א נִיסָן, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דָאס גוּטְס; אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ זָאל מֶען אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם שְׁוֶועריקֵייט, מֶען זָאל זוּכְן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ און מֶען זָאל אִים דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶערוֹיף.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קצה): דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי דָּוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): **״בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט״.**

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב; נוּץ דֶעם רֶבִּינ׳ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט בַּאדֶערְן און עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ און עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים - פַאלְן מִמֵּילָא אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און וֵוייטָאגְן וְכוּ׳.

פון איין זייט איז דיר זייער שווער צו מקיים זיין מצות כיבוד אב ואם וכו׳, אבער פון די אנדערע זייט איז די שכר זייער גרויס, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, כג): "לפום צערא אגרא", ווי שווערער עס קומט אן צו מקיים זיין א מצוה אלץ מער שכר באקומט מען, בפרט די מצוה פון כיבוד אב ואם וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פאה א, א): "אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה, והקרן קימת לו לעולם הבא; כבוד אב ואם", אויף כיבוד אב ואם באצאלט דער אייבערשטער שכר נישט נאר אויף יענע וועלט, נאר אויך אויף די וועלט; אז דו וועסט מכבד זיין דיינע עלטערן וועסטו זען נחת ביי דיינע קינדער. נאך אביסל וועסטו טרעפן דיין שידוך און ווי אזוי דו האסט זיך אויפגעפירט צו דיינע עלטערן וועסטו צוריק באקומען מיט פראצענט פון דיינע קינדער.

דו שרייבסט מיר: "איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געהאט קיין איין פרייליכע פסח"; וויל איך דיר זאגן אז דאס איז דיין אייגענע פראבלעם, דאס האט גארנישט צו טון מיט דיינע עלטערן, דו דארפסט ארבעטן אויף דיר אליינס אז דו זאלסט זיין פרייליך. כל זמן דו וועסט באשולדיגן דיינע עלטערן וכו׳ וועסטו גארנישט האבן דערפון, נאר שברון לב און עגמת נפש; עס איז זייער גרינג אוועק צו מאכן עלטערן און לייגן די גאנצע מיסט אויף זיי אבער דאס וועט דיר גארנישט העלפן אין לעבן. אז דו וועסט ארבעטן אויף דיינע מידות, צו זיין א זיסער איד, דו זאלסט זיין א פרייליכער איד, דו זאלסט נישט זיין קיין נערוועזער מענטש, שרייען און שלאגן וכו׳ – וועט דיר גוט זיין. עס וועט מקוים ווערן ביי דיר (שופטים יד, יד): "מעז יצא מתוק".

דו שרייבסט אז דו שעפסט חיות פון רבי'ן די לעצטע דריי יאר; לערן אביסל דעם ספר "אשר בנחל" וועסטו זען וואס ברסלב איז, מוהרא"ש ברענגט סיפורים פון אנשי שלומינו וואס האבן גארנישט געהאט אין לעבן און זיי זענען שטענדיג געווען פרייליך. איך ווייס נישט צי דו האסט נאך זוכה געווען צו קענען מוהרא"ש וואס איז געווען א לעבעדיגער ביישפיל. מוהרא"ש זכרונו לברכה האט גארנישט געהאט אין לעבן; ווען איך זאג דיר 'גארנישט געהאט' מיין איך טאקע גארנישט, נישט סתם געזאגט, אזוי ווי מען זאגט און מען שרייבט וכו׳; ער האט גארנישט געהאט אין לעבן און מיט דעם אלעם איז ער שטענדיג געווען פרייליך, שטענדיג איז ארום געגאנגען מיט א שמייכל און א גאנץ לעבן מחזק געווען אידישע קינדער.

יעצט פֿרעג איך דיר, דו ביסט אַ יונגער בחור און נאָך אַביסל הייבסטו אָן דיין לעבן, פֿאַרוואָס זאָלסטו זיין אַזוי צעבראָכן און שרייבן: "איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געהאַט קיין איין פֿריילעכע פּסח"? פֿאַרוואָס, ווייל דיין טאַטע האָט חומרות - איז וואָס? דאָס איז אַ צרה?! מאַך דיך פֿריילעך, דאַנק דעם אייבערשטן אַז דו זיצט ביים סדר טיש מיט טאַטע און מאַמע! וויפֿיל אידישע קינדער ליגן נעבעך אין שפּיטאָל און קענען נישט זיצן אין שטוב ביים סדר, דאַנק דעם אייבערשטן אַז דו ביסט געזונט און שטאַרק.

דער אייבערשטער זאָל דיר העלפֿן זאָלסט אַרויס גיין פֿון דיין אייגענעם מצרים, דיין קטנות הדעת; זאָלסט זוכה זיין צו שפּירן דעם אייבערשטן וואָס דערמאָלט דאַרף מען שוין גאָרנישט. ווען אַ מענטש שפּירט אַביסל נאָנטשאַפֿט צום אייבערשטן איז ער אַ צופֿרידענער מענטש, און מיר אַלע זאָלן שוין זיין זוכה זיין צו (מיכה ז, טו): "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", אָמן.

...

## מנהגים

זיי נישט מזלזל אין דיין טאַטע'ס מנהגים; איך האָב געהאַט איין יאָר אַ נס, נאָר ווייל איך האָב געהאַלטן מיין טאַטע'ס מנהגים, ביי אונז איז אָנגענומען אַז פּסח טרינקט מען נישט קיין בראָנפֿן, אַפֿילו עס איז געמאַכט פֿון קערליך פֿון טרויבן און עס איז נישט קיין חמץ; אָבער מיר האָט פֿאַרגליסט אַביסל בראָנפֿן ווען איך בין געווען אַ בחור, נאָך פֿאַר איך בין מקורב געוואָרן צום הייליגן רבי'ן, און איך האָב געזען אַ באָטל שליוואָוויץ וואָס שטייט דערויף 'כשר לפּסח', איך האָב זיך שוין אָנגעגאָסן אַ גלעזל און איך וויל שוין מאַכן אַ ברכה, טראַכט איך צו מיר: 'פֿאַרוואָס טרינקסטו בראָנפֿן פּסח ווען דיינע עלטערן האָבן אַ מנהג נישט צו טרינקען פּסח קיין בראָנפֿן?' און איך האָב עס אויסגעגאָסן און נישט געטרונקען. נאָך פּסח איז געווען אין די צייטונגען אַ גרויסער מודעה אַז מען האָט געכאַפּט אַז אין די אונגאַרישע שליוואָוויץ איז געווען תערובת חמץ. האָב איך געדאַנקט דעם אייבערשטן אַז ער האָט מיר אָפּגעהיטן פֿון חמץ בפּסח.

געב אַכטונג זיך נישט צו מישן מיט אַלעס וואס דו זעסט אין געשעפט, עס איז דא אַזא שפע פון עסן פּסח און מען קען עסן אַלעס וואס מען קאכט אין שטוב. אינגעלייט האבן מיר געבעטן איך זאל שרייבן בפרטי פּרטיות און געבן אַ דרשה פונקטליך וואס מען קען יא עסן און וואס נישט, אָבער עס איז זייער שווער צו רעדן פון דעם בּרבים וכו׳, נאר פּריוואט וכו׳.

...

דער רבי האט נישט געבראָקט במשך דעם גאנצן יום טוב פּסח, נאר אַחרון של פּסח. עס איז דא אַ מעשה אַז דעם רבי׳נ׳ס טאכטער אָדל האט נישט זוכה געווען צו קינדער, אַלע קינדער פלעגן איר לא עלינו נפטר ווערן. איינמאל איז דער רבי איינגעשטאנען ביי איר פּסח, און זי האט געגעבן פאר׳ן רבי׳ן אַחרון של פּסח זופּ מיט ״צוויי קניידלעך״, האט דער רבי איר געזאגט: ״און פאר די צוויי קניידלעך וועסטו האבן צוויי קינדער״. און אַזוי איז טאקע געווען, זי האט געהאט צוויי קינדער, אַ אינגל און אַ מיידל - אַברהם בער און רבקה. פלעגט זי אייביג זאגן אַז זי האט חרטה פאַרוואס זי האט נאר געגעבן צוויי קניידלעך וכו׳.

...

**וואס זענען די מנהגים ביי די חומרא פון געבראָקטס אום פּסח?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

אַזוי ווי דא אין ארץ ישראל איז דא צו באקומען מילך אויף פּסח מיט אַ הכשר פון בד"ץ עדה החרדית אַז עס איז נישט אריין אין דעם קיין טראפּ וואסער, איז אַ פּראבלעם צו בראקן מיט דעם?

אויך וויל איך פרעגן וועגן "מצה ברייי", מצה וואס ווערט געפּרעגלט מיט נאך זאכן; ווען מען געבט אַכטונג אַז עס זאל נאר האבן אייער, אָדער די ספּעציעלע מילך, אָן קיין טראפּ וואסער, איז עס אַ פּראבלעם פון געבראקטס?

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ בְּרָאקְן אוּם פֶּסַח, דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דִי חוּמְרָא. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דֶער עִיקָר חוּמְרָא פוּן בְּרָאקְן אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן מַצָּה אִין זוּפּ אָדֶער אִין וַואסֶער וְכוּ׳, אָבֶער שְׁמִירְן פּוּטֶער אָדֶער אַוואקָאדָא וְכוּ׳, אָדֶער לֵייגְן מַצָּה אִין זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין וַואסֶער - דָאס אִיז נִישְׁט בְּרָאקְן, דָאס קֶען מֶען טוּן; מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אַסְרְ׳ן.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען אוֹיף דֶעם אוֹיךְ מַקְפִּיד אָבֶער פַאר אַנְדֶערֶע קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן דָאס נִישְׁט צוּ טוּן.

דָאס וַוייסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן זִיךְ אַרַיינְטוּן דֶעם קָאפּ אִין חוּמְרוֹת, נָאר טוּן דִי מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען טוּט דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): ״גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד״, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, ״כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים״, דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ, ״וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם״, דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ״דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה״, דָאס וָואס מֶען טְרַאכְט צִי מֶען אִיז יוֹצֵא דִי מִצְוָה וָואס מֶען טוּט - צִי נִישְׁט; מֶען אִיז מְדַקְדֵּק אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְטְרַאכְטְן: ׳אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט יוֹצֵא, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ יָא יוֹצֵא׳, דָאס אַלֶעס בְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן טוּן דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע חוּמְרוֹת אִין שִׂמְחָה; זוּכְן אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

...

[מיר ברענגען דא אראפ די מעשה ווי אזוי דער ראש ישיבה האט דאס דערציילט אין "מעשה'לעך פאר קינדערלעך"].

מְחַיֶ' זַיין אַ צַדִּיק

די וֵויינְט, זי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן: "וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער..." אָדְל, די צַדֶּקֶת אָדְל, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער וֵויינְט, זי ווִיל קִינְדֶער; זי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט לַאנְגֶע יָארְן אוּן זי הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, זי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט גֵיין אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח צוּ זַיין טָאכְטֶער די גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת אָדְל אוּן זי פְלֶעגְט מְכַבֵּד זַיין דֶעם רֶבִּי'ן מִיט צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ. אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פֶּסַח בְּרָאקְט מֶען נִישְׁט, מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אַז די מַצָּה זָאל נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין וַואסֶער, אָבֶּער אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ בְּרָאקְן, מֶען עֶסְט קְנֵיידְלֶעךְ גֶעמַאכְט פוּן מַצָּה מֶעל.

די רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן צוּ די צַדֶּקֶת אָדְל: "פַאר די צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן - וֶועסְטוּ הָאבְּן צְוֵויי קִינְדֶער, אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס די וֶועלְט וֶועט מְקַנֵּא זַיין"; אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צְוֵויי קִינְדֶער.

די צַדֶּקֶת אָדְל הָאט אַ גַאנְץ לֶעבְּן חֲרָטָה גֶעהַאט 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין טַאטֶע, דֶער רֶבִּי, נָאר מִיט צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ? וָואלְט אִיךְ גֶעגֶעבְּן מֶער - וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ נָאךְ קִינְדֶער'.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן די מַעֲשֶׂה אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל אוֹיף אֵיינֶעם אַ שְׁלֶעכְטֶע גְּזַר דִּין, אוֹיבּ מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ צַדִּיק, מֶען מַאכְט אַ פַארְגֶעניגְן פַאר'ן צַדִּיק - בֶּעט דֶער צַדִּיק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם גְּזַר דִּין. אַזוֹי ווִי אָדְל הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אוּן וַוייל זי הָאט מְחַיֶ' גֶעוֶוען אִיר טַאטֶע - הָאט זי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

...

מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט די מִצְוֹת בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת

וּבפְּשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה) וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן לוֹיט דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין; דָאס אִיז לְגַבֵּי סְתָם חוּמְרוֹת, אָבֶער אֲפִילוּ אוֹיף דָאס וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵּין בְּסֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם וֶועט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוּן מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הִדּוּרִים וְכוּ', אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי' וְכוּ'", מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָּעוֹן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען מֵיינְט נָאר צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם מִצְוָה זָאל עֶר מְדַקְדֵּק זַיין אָן קַיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת. הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת; עַיֵּין שָׁם.

אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?' דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אויסְגֶעהַאלְטְן וַוייל

מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען "קְוַואל וַואסֶער", וַוייל אַ קְוַואל הָאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיין".

אַז מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

אַז אַ אִיד פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

**וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הַאלְטְן אוּנְזֶערֶע חוּמְרוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר גֵייעֶן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוֹיף פֶּסַח צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן מַיין מַאמֶע קוֹיפְט גֶעוִויסֶע עֶסְן

פַאר דִי סְעוּדוֹת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס מִיר זָאלְן טוּן ווַייל מַיין מַאן אִיז מַקְפִּיד זִיךְ נִישְׁט צוּ מִישְׁן, אוּן בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז מֶען נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ בַּיי מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז מֶען נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף שְׁמוּעֶסְן מֶענֶער מִיט פְרוֹיעֶן; וָואס זֶענֶען דִי הֲלָכוֹת בַּיי דֶעם? מֶעג אִיךְ אַרַיינְרֶעדְן אוּן זָאגְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס צוּ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען הָאט עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן וָואס הִיטְן תּוֹרָה וּמִצְווֹת, וֶוען מֶען גֵייט צוּ זֵיי - נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט דִי אֵייגֶענֶע חוּמְרוֹת. אִין שְׁטוּבּ קֶען מֶען זִיךְ פִירְן מִיט שֵׁיינֶע מִנְהָגִים אוּן חוּמְרוֹת, אָבֶער וֶוען מֶען גֵייט צוּ עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְווֹת - דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִנְהָג, קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע חוּמְרָא, נָאר דִי אֵיין מִצְוָה פוּן כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ.

מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזְא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעגֶעסְן זוּפּ אוּם פֶּסַח אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין אַלְטֶע מַאמֶע, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן פוּן אֵיין טֶעלֶער. אַמָאל הָאט פַּאסִירְט, דִי מַאמֶע הָאט פַארְגֶעסְן אַז מֶען בְּרָאקְט נִישְׁט אוּן זִי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט שְׁטִיקְלֶעךְ מַצָּה אִין טֶעלֶער, אוּן צוּ אַלֶעמֶען׳ס ווָאוּנְדֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק וַוייטֶער גֶעגֶעסְן פוּן דִי זוּפּ, עֶר הָאט אָוֶועקְגֶערִיקְט דִי שְׁטִיקְלֶעךְ מַצָּה צוּ אִיר זַייט אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעגֶעסְן דִי זוּפּ, נָאכְדֶעם הָאט דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: ״נִישְׁט בְּרָאקְן אִיז אַ חוּמְרָא, אוּן ווֵיי טוּן דִי מַאמֶע, מְזַלְזֵל זַיין אִין מִצְוַת כִּיבּוּד אֵם - אִיז אַ דְאוֹרַיְיתָא, אַ חוּמְרָא קֶען נִישְׁט אָוֶועקְשְׁטוּפְּן אַ דְאוֹרַיְיתָא.״

דֶערְפַאר וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן; אִין דֶעם דַארְף לִיגְן דֶער גַאנְצֶער קָאפּ, ׳ווִי נָאךְ קֶען מֶען מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.׳

בְּנוֹגֵעַ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן וְכוּ׳; בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ אִיז מֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי שְׁטוּבּ, ווִי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ - אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

בנוגע ערב פסח מצות אז עס קאסט אסאך געלט וכו׳; דער זוהר הקדוש זאגט (שמות, קכח.): אויפן פסוק (שמות כה, ב): "ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי - האי מאן דבעי לאשתדלא במצוה, ולאשתדלא ביה בקודשא בריך הוא, אצטריך דלא ישתדל ביה בריקניא ובמגנא, אלא אצטריך ליה לבר נש לאשתדלא ביה כדקא יאות כפום חיליה", ווען א מענטש טוט א מצוה דארף מען באצאלן געלט פאר די מצוה, דורך דעם איז מען זוכה צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, עיין שם; דעריבער דארפן מיר זיך פרייען אז עס קומט אזא הייליגע יום טוב פסח און מיר גייען זוכה זיין צו עסן די הייליגע מצות און אודאי באצאלן געלט פאר די מצוה אז מיר זאלן זוכה זיין צו ווערן נאנט צום אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט אמאל בשעת׳ן האלטן די מצה אום פסח זיך אנגערופן: "ווען מען האלט די מצה אין דער האנט, האלט מען גאט אין דער האנט"; ווייל מצה איז א שטיק געטליכקייט און דאס ברענגט אריין אמונה אינעם מענטש.

עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת בא, מא.) אז מצה ווערט אנגערופן: "מיכלא דמהימנותא", אן עסן פון אמונה; ווייל דורך מצה ווערט געשטארקט די אמונה. ווידער אויף א צווייטע פלאץ (פרשת תצוה, קפג:) רופט עס דער זוהר אן: "מיכלא דאסוותא", אן עסן פון רפואה; אז מצה היילט אויס דעם מענטש. זאגט מוהרא"ש אז מיטן רבינ׳ס ווערטער איז עס איין זאך, ווייל דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב׳, סימן ה): "כי יש סובלי חלאים, שיש להם מכות מפלאות, והם סובלים החלאים רק בשביל נפילת האמונה", עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס האבן מחלות און זיי ליידן דאס נאר ווייל זיי האבן נישט קיין אמונה; קומט אויס ווען מען עסט מצה און עס ווערט געשטארקט די אמונה ווערט מען אויסגעהיילט.

ווען א מענטש איז לא עלינו נישט געזונט און ער גייט זיך היילן ביי א גרויסער דאקטער, דער דאקטער זאגט אים: "איך האב פאר דיר נאר איין רפואה, דאס וועט דיר גענצליך אויסהיילן, אבער די מעדעצין קאסט אסאך געלט", וואלט א מענטש זיכער אוועק געגעבן אלעס אויף דער וועלט אבי

ער זאל לעבן, אַזוֹי ווי רַשִׁ"י זאָגט (איוב ב, ד): "כֵּן דֶּרֶךְ בְּנֵי אָדָם; כְּשֶׁרוֹאֶה הַחֶרֶב בָּאָה עַל רֹאשׁוֹ, מֵגִין בִּזְרוֹעוֹ לְפָנָיו, וְכָל שֶׁכֵּן כָּל אֲשֶׁר לְאִישׁ בְּמָמוֹן יִתֵּן"; איז דאָךְ זיכער אַז ווען עס קומט צו קויפן די הייליגע מַצָּה וואָס דאָס היילט אונז אויס בְּרוּחָנִיּוּת און עס ברענגט אונז נאָנט צום אייבערשטן, דאַרף מען זיכער קויפן מַצָּה בְּיַד רְחָבָה און נישט קאַרגן וְכוּ'.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האָבן גרויס שֶׁפַע, זאלסט קענען אויפנעמען דעם יוֹם טוֹב מיט שִׂמְחָה און מיר זאלן זוֹכֶה זיין צו עסן נאָךְ הַיי יאָר דעם קָרְבָּן פֶּסַח מיט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, אָמֵן.

...

## שַׁבָּת הַגָּדוֹל

מוֹהֲרַ"ש האָט געזאָגט אַ מוֹרָא'דיגע טַעַם פאַרוואָס דער אייבערשטער האָט געהייסן צובינדן אַ שעפּסעלע דַוְקָא צום בעט, און נישט אין קאָךְ אָדער אינדרויסן צו אַ בוים, נאָר חֲזַ"ל זאָגן (יַלְקוּט שְׁמוֹת, רֶמֶז רלד), אַז די מִידַּת הַדִּין האָט מְקַטְרֵג געווען: "הַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה וְהַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה", סיי די אידן און סיי די גוֹיִם דינען עֲבוֹדָה זָרָה, נאָר די אידן האָבן געוויזן פאַרן אייבערשטן: קוק אָן אונזער בעט, מיר האַלטן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה און מיר זענען זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ אויף טָהֳרָה. האָט מוֹהֲרַ"ש אויסגעפירט אַ מוֹרָא'דיגע זאַך, אַז יעדער זאל זאָגן פאַרן אייבערשטן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך זע טאַקע אויס ווי אַזוֹי איך זע אויס, אָבער קוק מיין בעט ווי איך האַלט מיך און איך גיב אַכטונג אויף אַלע הֲלָכוֹת וְכוּ' און איך גיי אין מִקְוֶה וְכוּ' וְכוּ'"; איך געדענק נאָךְ די שִׁיעוּר מַמָּשׁ אַזוֹי ווי יעצט ווי מוֹהֲרַ"ש זאָגט עס.

...

## עֶרֶב פֶּסַח שֶׁחָל בְּשַׁבָּת

איך שרייב דיר די הֲלָכוֹת וואָס איז די יאָר אַנדערש; דו ביסט דאָךְ גַּבַּאי, זאלסטו וויסן ווי אַזוֹי צו פירן דעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

שַׁבָּת הַגָּדוֹל די יאָר געפאַלט עֶרֶב פֶּסַח פַּרְשַׁת צַו; די יאָר איז אַביסל אַנדערש. צום ביישפּיל, די יוֹצְרוֹת לְשַׁבָּת הַגָּדוֹל זאָגט מען אַ וואָךְ פריער

כְּדֵי מֶען זָאל וויסְן דִי הֲלָכוֹת, אָבֶער מֶען זָאגְט דָאס אַנְדֶערְשׁ ווִי אַלֶע יָארְן, מֶען זָאגְט דִי יוֹצְרוֹת נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, נָאךְ קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי דְּרָשַׁת שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, דִי וָואךְ פַאר עֶרֶב פֶּסַח, ווייל מֶען דַארְף דָאךְ וויסְן ווִי אַזוֹי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח, ווִי אַזוֹי מֶען כַּשֶׁר׳ט אוּן ווִי אַזוֹי מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאגְט מֶען "וַיְהִי נוֹעַם" אוּן "וְאַתָּה קָדוֹשׁ" אַזוֹי ווִי אַלֶע וָואכְן, ווִיבַּאלְד עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ גַאנְצֶע וָואכֶעדִיגֶע וָואךְ, עֶרֶב שַׁבָּת אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין יוֹם טוֹב ווייל שַׁבָּת אִיז עֶרֶב פֶּסַח. מֶען מַאכְט קִידּוּשׁ לְבָנָה, אוֹיךְ עֶסְט מֶען מְלַוֶּה מַלְכָּה אַזוֹי ווִי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע וָואךְ.

תַּעֲנִית בְּכוֹרִים מַאכְט מֶען דִי יָאר דָאנֶערְשְׁטָאג; אַלֶע בְּכוֹרִים אָדֶער דִי וָואס הָאבְּן קִינְדֶער בְּכוֹרִים מַאכְן דֶעם סִיּוּם שׁוֹין דָאנֶערְשְׁטָאג, ווייל עֶרֶב שַׁבָּת פַּאסְט מֶען נִישְׁט.

בְּדִיקַת חָמֵץ מַאכְט מֶען לֵיל שִׁישִׁי - דָאנֶערְשְׁטָאג בַּיינַאכְט; מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ אַזוֹי ווִי אַלֶע יָארְן, מֶען מַאכְט דִי בְּרָכָה אוּן נָאכְן עֶנְדִיגְן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין זָאגְט מֶען כָּל חֲמִירָא וְכוּ׳.

פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי פִּירְט מֶען זִיךְ אַזוֹי ווִי אַלֶע יָארְן עֶרֶב פֶּסַח, מֶען פַארְבְּרֶענְט דִי חָמֵץ, מֶען לָאזְט נִישְׁט אִיבֶּער קַיין חָמֵץ; נָאר לֶחֶם מִשְׁנֶה פַאר דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן דָאס צוּ לֵייגְן אִין אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע פְּלַאץ.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי דַאוֶוענְט מֶען וָתִיקִין, ווייל מֶען דַארְף נָאךְ קֶענֶען אַהֵיימְגֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה; עֶסְן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדָה, דִי חָמֵץ, פַאר סוֹף זְמַן אֲכִילַת חָמֵץ. מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט לַאנְג, מֶען לֵיינְט נִישְׁט לַאנְג; דִי הַפְטָרָה זָאגְט מֶען "וְעָרְבָה".

עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיךְ דִי יָאר וֶוען עֶרֶב פֶּסַח גֶעפַאלְט אִין שַׁבָּת - צוּ עֶסְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, זֵיי צֶעטֵיילְן דִי סְעוּדָה אִינְדֶערְפְרִי. הֲגַם דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ׳נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמד, סְעִיף א) אַז מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה נָאר נָאךְ מִנְחָה גְּדוֹלָה, אִין אַ יָאר וָואס עֶרֶב פֶּסַח גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן נָאכְמִיטָאג קַיין חָמֵץ, זָאגְט דֶער רְמָ"א מֶען זָאל עֶסְן

פֵּירוֹת, דָאךְ זֶענֶען דָא שִׁיטוֹת וָואס זָאגְן אַז מֶען קֶען יָא יוֹצֵא זַיין דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער מָגֵן אַבְרָהָם (שָׁם, סְעִיף קָטָן א).

אַנְדֶערֶע פִירְן זִיךְ אַז מֶען צֶעטֵיילְט נִישְׁט דִי סְעוּדָה; מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ עֶסְן דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה מִיט פֵּירוֹת אוּן קוּגְל. מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט: "וְזוֹ הַשַּׁבָּת הַיְחִידָה שֶׁאֵין אוֹכְלִין סְעוּדָה שְׁלִישִׁית", דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מָאל אִין יָאר וָואס מֶען עֶסְט נִישְׁט קַיין דְרִיטֶע סְעוּדָה שַׁבָּת, "אֶלָּא פֵּירוֹת אוֹ פַּשְׁטִידָא מִתַּפּוּחֵי אֲדָמָה", מֶען עֶסְט פְּרוּכְט אוּן קַארְטָאפְל קוּגְל, "וְהוּא עַל פִּי זוֹהַר שֶׁאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי שֶׁמִּיָּמָיו לֹא בִּטֵּל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית", דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת אֱמוֹר, צה.), אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעגֶעסְן יֶעדֶע וָואךְ דְרֵיי סְעוּדַת שַׁבָּת, "אֶלָּא בְּעֶרֶב פֶּסַח שֶׁחָל לִהְיוֹת בְּשַׁבָּת", אוֹיסֶער וֶוען עֶס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן עֶרֶב פֶּסַח אוּם שַׁבָּת, "שֶׁאָז לֹא נוֹטְלִים לֶחֶם מִשְׁנֶה כִּי אָסוּר לֶאֱכֹל חָמֵץ כְּבָר, שֶׁהוּא אַחַר הַזְּמַן וְאָסוּר לֶאֱכֹל מַצָּה קוֹדֶם לֵיל פֶּסַח", וָואס דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן קַיין סְעוּדָה מִיט לֶחֶם מִשְׁנֶה; חָמֵץ טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין נָאכְן זְמַן אוּן מַצָּה טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט עֶסְן דֶעמָאלְט.

שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג דַאוֶונְט מֶען מִנְחָה, מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם אוּן מֶען זִינְגְט דִי זְמִירוֹת פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן מֶען זָאגְט דִּבְרֵי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי יֶעדְן שַׁבָּת.

...

בְּנוֹגֵעַ יוֹצְרוֹת; בַּיי אוּנְז זָאגְט מֶען נִישְׁט דֶעם לַאנְגְן שְׁטִיקְל יוֹצֵר פַאר קְדוּשָּׁה, נָאר אֵיינְמָאל אִין יָאר, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, דֶעמָאלְט זָאגְן מִיר דִי לַאנְגֶע יוֹצֵר וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח, אָבֶּער אַלֶע אַנְדֶערֶע צַייטְן אוּן יָמִים טוֹבִים - לָאזְן מִיר אוֹיס דֶעם לַאנְגְן שְׁטִיקְל.

נָאךְ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ וִויסְן אִין אַלֶע שׁוּלְן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אוֹיס יוֹם טוֹב אוּם שַׁבָּת - פִירְן זִיךְ אַלֶע אַז מֶען לָאזְט אוֹיס שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם פִּיּוּט לְכָה דוֹדִי, אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן לְכָה דוֹדִי אוּן נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן דִי שְׁטִיקְלֶעךְ מִשּׁוּם מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָ'; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט אַ חָלוֹם וִוי דֶער בַּעַל הַפִּיּוּט אִיז אִים גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם וְכוּ', אוּן אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִין אַלֶע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

# נִיסִים, תְּפִלָּה, בְּרַחֲמֵי הוּא דְעָבַד

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז 'שַׁבַּת הַגָּדוֹל' וָואס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת; וָואס אִיז דֶער שַׁבָּת אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן פַארְוָואס הֵייסְט דֶער שַׁבָּת 'שַׁבַּת הַגָּדוֹל'?

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט, אַז מֶען רוּפְט דֶעם שַׁבָּת 'שַׁבַּת הַגָּדוֹל' אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט וֶוען מֶען דַאוֶונְט צוּ אִים אוּן מֶען בֶּעט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רנ): "תְּפִילָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע, וְהוּא בְּחִינוֹת גָּדוֹל, בְּחִינַת (דְּבָרִים ד, ז) 'כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵינוּ אֵלָיו', כִּי זֶה גְּדֻלָּתֵנוּ, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִילָּתֵנוּ, וּמְשַׁנֶּה הַטֶּבַע עַל יְדֵי הַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מְלָכִים-ב ח, ד): "סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל 'הַגְּדֹלוֹת' אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע", אוּן חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה כז ע"א): "וֶאֱלִישָׁע דַּעֲבַד בְּרַחֲמֵי הוּא דַּעֲבַד", דֶערְפַאר רוּפְט מֶען דֶעם שַׁבָּת 'שַׁבַּת הַגָּדוֹל', צוּ וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען בֶּעט אִים.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִלָּה טוּט; חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת י.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא זָאל גֵיין זָאגְן פַאר חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ (יְשַׁעְיָה לח, א): "צַו לְבֵיתֶךָ כִּי מֵת אַתָּה וְלֹא תִחְיֶה", פְרֶעגְן חֲזַ"ל וָואס אִיז דִי דָאפֶּעלְטֶע לָשׁוֹן 'דוּ וֶועסְט שְׁטַארְבְּן אוּן נִישְׁט לֶעבְּן?' נָאר יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דוּ גֵייסְט שְׁטַארְבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן נִישְׁט לֶעבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וַוייל דוּ הָאסְט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט", הָאט אִים חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאב נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט וַוייל אִיךְ הָאב גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז אִיךְ וֶועל הָאבְּן קִינְדֶער רְשָׁעִים, וָואס וֶועלְן דֶערְצֶערְעֶנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאב אִיךְ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט", הָאט אִים יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט: "בַּהֲדֵי כַּבְשֵׁי דְּרַחְמָנָא לָמָּה לָךְ"? דוּ דַארְפְסְט טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן קִינְדֶער, דָאס אִיז וָואס לִיגְט אוֹיף דִיר, אוּן אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דִיר גֶעבְּן קִינְדֶער רְשָׁעִים - הָאט דָאס נִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִיר.

פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא, אַז חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא:

"אֶפְשָׁר גֶעבּעטְסטוּ מִיר דַיין טָאכְטֶער אִיךְ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר?" הָאט אִים יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט: "כְּבָר נִגְזְרָה עָלֶיךָ גְזֵירָה", אַזוֹי וִוי אֵיינֶער זָאל זָאגְן: "דוּ ווילְסְט יֶעצְט חֲתוּנָה הָאבְּן? דוּ גֵייסְט דָאךְ שְׁטַארְבְּן מָארְגְן", הָאט אִים חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט: "עֶנְדִיג צוּ דִי נְבוּאָה אוּן זַיי מוֹחֵל גֵיי אַרוֹיס, אִיךְ הָאבּ מְקוּבָּל פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז "אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָּה מוּנַחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם, אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים".

פַארְצֵיילְט וַוייטֶער דִי גְמָרָא: "וַיַּסֵּב חִזְקִיָּהוּ פָּנָיו אֶל הַקִּיר, וַיִּתְפַּלֵּל אֶל ה'", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא זָאל צוּרִיק גֵיין אוּן אִים זָאגְן אַז עֶר גֵייט יָא בְּלַייבְּן לֶעבְּן; זֶעט מֶען וָואס תְּפִלָּה טוּט אוֹיף, אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין נִגְזַר גֶעוָוארְן דִי גְזֵירָה, דָאךְ אַז מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל בַּאקוּמְט מֶען אַ יְשׁוּעָה. וֶוען מִיר זָאלְן וֶוען בֶּעטְן אוֹיף וָואס מִיר דַארְפְן וָואלְטְן מִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעהַאט אַ יְשׁוּעָה.

## הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן

דֶעם שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פח): וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן "הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן בְּשַׁבָּת הַגָּדוֹל"? מֶען זֶעט אַז שַׁבָּת הַגָּדוֹל דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, מֶען עֶסְט נִישְׁט אוֹיפְן זֶעלְבְּן פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁבָּת; זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְן דִיבּוּר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מא, כב): "וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'", ווייל מֶען יֶעצְט וַוייזְן אַז יֶעצְט אִיז נָאךְ דֶער דִיבּוּר אִין גָלוּת, עֶס אִיז נִישְׁט מְסוּדָּר, עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן פֶּה-סָח, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע טִישׁ אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם.

דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט אַז אִין מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען דֶער דִיבּוּר אִין גָלוּת בַּיי פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם, וַוייל פַּרְעֹה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פֶּה-רַע אַ שְׁלֶעכְט מוֹיל, אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל; אוּן אַז מֶען הָאט אַ שְׁלֶעכְט מוֹיל אוּן אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל דֶעמָאלְט אִיז מֶען אִין מִצְרַיִם, וָואס דָאס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מֵצַר-יָם אַז דֶער קָאפּ - וָואס אִיז דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה - אִיז בַּמֵּצַר, דָאס הֵייסְט מְצוּמְצָם, אָבֶּער יֶעצְט פֶּסַח אִיז

מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן גָלוּת מִצְרַיִם אוּן מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן זָאלְן מִיר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ; דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי'ן, אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזֶעלְכֶע זִיסֶע עֵצוֹת.

...

**דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט אַלֶעס אִין פְּלַאץ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, שַׁבַּת הַגָּדוֹל, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פח) וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן "הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן בְּשַׁבַּת הַגָּדוֹל"? מֶען זֶעט שַׁבַּת הַגָּדוֹל אִיז אִין אַלֶע שְׁטוּבֶּער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, עֶס טוּט זִיךְ אַ בֶּהָלָה; זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מא, כב): "וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'", ווייל מֶען יֶעצְט וַוייזְן אַז יֶעצְט אִיז נָאךְ דֶער דִיבּוּר אִין גָלוּת, עֶס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן פֶּה-סָח, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גֶעהֶעריגֶע טִישׁ אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם.

דָאס אִיז וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען, יֶעדֶעס מָאל עֶס וֶוערְט בַּיי אֵיינֶעם 'הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן', עֶס וֶוערְט אִים אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיין סֵדֶר הַיוֹם, זַיין שְׁטוּב, זַיין פַּרְנָסָה, זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט - דָאס אִיז אַלְץ וַוייל עֶס פֶעלְט דֶעם דִיבּוּר, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט אַלֶעס אִין פְּלַאץ, עֶס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, נִישְׁטָא קֵיין הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן.

דֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ פַאר עֶנְק אַלֶע, אָבֶּער עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ מֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן בִּלְשׁוֹן נוֹכֵחַ:

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי יֶעצְט אִין אַ זַייט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וויין צוּ אִים, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת בָּלָק, קצה.): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וַויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לָא בָּעִינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִידוּנוּן בֵּינָנָא", אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת צוּ מִיר, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", נָאר אִיךְ וִויל זַיין אַלֵיינְס מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תְּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶעניגְן וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וַויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וַויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ וִוינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַן אָרֶעמַאן שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִיק.

דֶער זוֹהַר זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אַז וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען דִי חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם אָרֶעמַאן'ס תְּפִלָּה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת, זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): "תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה' אָזְנְךָ עֲנֵנִי", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אוּן הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", וַוייל אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ.

פֶּסַח זָאלְט אִיר נִישְׁט מַאכְן קַיין קִידוּשׁ אִין שׁוּל, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט.

...

## הֲכָנָה לְיוֹם טוֹב

זֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב אוֹיסְרוּימֶען דֶעם חָמֵץ, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵל זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ פֶּסַח, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב.

אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס גָאר אַנְדֶערְשׁ;

דער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי וְשֶׁל בָּנַי וְהַתְּלוּיִים בִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם טָאג פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וָואס אִיךְ דַארְף טוּן, אוּן סַיי אַלֶע וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר.

און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב, אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד".

דֶערְפַאר אַז מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר אַזַא גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב, אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַן עִיקָר פוּן חוּמְרוֹת, אוּן פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיין פַארְגֶעסְט מֶען. דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב, אוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר אַ טָפֵל צוּ דִי מִצְוָה.

...

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט פַארְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן זַיינֶע חֲפֵצִים אִינְדֶערְפְרִי. עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען שָׁעוֹת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי ווילַאנְג עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַלֶע זַיינֶע קְלֵיידֶער וְכוּ׳, הָאט אִים אֵיינֶער גֶעגֶעבְן אַן עֵצָה אַז עֶר זָאל אַרָאפְּשְׁרַייבְן יֶעדְן טָאג פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוֹיף אַ צֶעטְל – וואו עֶר לֵייגְט יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי אַז אִינְדֶערְפְרִי וֶועט עֶר אַלֶעס טְרֶעפְן. עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן; עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעשְׁרִיבְן אוֹיפְן צֶעטְל אַז דִי הוּט לִיגְט דָא, דֶער רֶעקְל לֵייג אִיךְ דָא, מַיינֶע הוֹיזְן הֶענְגְט דָארְט אוּן מַיין מַאנְטְל דָארְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִינְדֶערְפְרִי וֶועקְט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן עֶר גֵייט אִיבֶּער דֶעם צֶעטְל, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּה, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן יֶעדֶע זַאךְ. אָבֶּער

ער הויבט אן שרייען: "רבונו של עולם, מיינע חפצים ווייס איך וואו עס געפינט זיך, אבער וואו בין איך אליין"!?

זעט מען פון דעם א מורא'דיגע זאך, ווען עס קומט יום טוב און א מענטש גרייט זיך אן מיט אלע פיטשעוועקעס און אלעס קלאפט, נייע וועש, נייע בעקיטשעס, נייע קאך וכו' וכו'; אבער דער מענטש אליין איז נישט דא, דער מענטש איז פיל מיט עצבות און מרה שחורות, ער איז צוקריגט מיט די משפחה, אנגעבלאזן וכו'.

...

איין יאר ערב סוכות האט רבי נחמן טולטשינער געהאלפן רבי נתן אויפצושטעלן די סוכה, ווען ער האט געענדיגט האט ער זיך אויסגעדרוקט פאר רבי נתן: "אז מען ארבעט אליינס אויפצושטעלן די סוכה שפירט מען אן אנדערע טעם אינעם יום טוב", האט אים רבי נתן געזאגט: "דאס האסטו נאך נישט פרובירט, צו בעטן ערב סוכות פונעם אייבערשטן 'רבונו של עולם איך וויל שפירן א טעם אינעם יום טוב סוכות', וואס פאר א טעם מען שפירט דעמאלט אינעם יום טוב סוכות"; אן תפלה האט גארנישט קיין טעם, וויפיל מען פרובירט אריין צו לייגן כחות וכו', אויב נעמט מען נישט אריין דעם אייבערשטן, האט עס יענעם טעם.

דאס איז נישט דווקא ביי די מצוה פון סוכה. דאס זעלבע איז ביי יעדע יום טוב און ביי יעדע מצוה; ווי מער א מענטש בעט דעם אייבערשטן אז ער וויל זוכה זיין צו א שיינע יום טוב און צו א פריילעכע יום טוב, האט ער א שיינעם יום טוב.

זאלסט בעטן: "רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל שפירן א טעם אינעם יום טוב פסח, איך זאל שפירן א טעם אין די הייליגע מצות, אין די הייליגע כזיתים", וועסטו זען ווי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן, דו וועסט האבן אן אנדערע פסח.

...

מוהרא"ש פלעגט פארציילן יעדעס יאר פסח די מעשה פון רבי דוד ממיקולייב זכרונו לברכה, א תלמיד פון בעל שם טוב זכותו יגן עלינו. וואס

הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ מַאכְן וַויין פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר הָאט עֶס אַלֵיין גֶעמַאכְט מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע עִנְיָנִים אוּן מִיט אַלֶע בְּחִינוֹת וְכוּ'. אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי גְרֶענִיץ אוּן דֶער וֶועכְטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דִי וַויין אוּן עֶס גֶעמַאכְט יַיִן נֶסֶךְ, רֶבִּי דָוִד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פַארְוָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן לְטוֹבָה?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶר הָאט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אָן תְּפִלָּה אִיז אַ שָׁאד דִי הָארֶעוַואנְיֶע; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט חָמֵץ חַס וְשָׁלוֹם אוּן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיכֶער הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן בִּיז יוֹם טוֹב פֶּסַח:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן אוּן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְן צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב וֶוער אִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי דִי מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז זִיךְ אוֹיף מִיר מִתְגַּבֵּר, עֶס אִיז בַּיי מִיר אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי לִיכְט פוּן יוֹם טוֹב אוּן אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קֵיין שׁוּם טַעַם אִין יוֹם טוֹב.

הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְן מִיר".

...

נָאךְ אַ גֶעבֶּעט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם

יום טוב פּסח אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין: "הייליגער באַשעפער, עס קומט יעצט דער יום טוב פּסח, איך פּרוביר זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יום טוב, איך ווייס אָבער דעם אמת אַז איך אַליין קען גאָרנישט טון, נאָר מיט דיין הילף וועל איך קענען זוכה זיין צו אַ שיינעם יום טוב.

העלף מיר אַז איך זאָל האָבן גענוג געלט צו קענען איינקויפן אַלע געברויכן פון יום טוב, אַז איך זאָל קענען צושטעלן פאַר מיין ווייב און קינדער אַלעס וואָס זיי דאַרפן האָבן אויף יום טוב.

העלף מיר אַז איך זאָל שפּירן אַ זיסע און געשמאַקע טעם אין דעם הייליגן יום טוב, איך זאָל נאָר זיין פריילעך במשך דעם גאַנצן פּסח, אַפילו ווען זאַכן וועלן נישט גיין אַזוי ווי איך וויל, אַפילו ווען זאַכן וועלן זיך נישט אויסאַרבעטן אַזוי ווי איך האב זיך פאַרגעשטעלט, זאָל איך נישט ווערן געערגט און טרויעריג נאָר איך זאָל זיך ווייטער האַלטן זייער פריילעך.

העלף מיר אַז איך זאָל זוכה זיין אַריינצוברענגען אַ פריילעכע שטימונג אין מיין שטוב, איך אַליין זאָל זיין פריילעך און איך זאָל אויך מאַכן פריילעך מיין ווייב און קינדער. די שמחה זאָל זיך איבערגיסן פון מיר אַזוי ווייט אַז אַפילו ווער עס וועט נאָר שטיין נעבן מיר זאָל אויך ווערן פריילעך.

הייליגער באַשעפער, איך געב איבער מיין גאַנצע יום טוב פּסח פאַר דיר, איך געב זיך אינגאַנצן איבער פאַר דיר. העלף מיר אַז איך זאָל חס ושלום נישט עסן קיין ברעקל חמץ און עס זאָל זיך נישט געפינען אין מיין הויז קיין משהו חמץ אום פּסח. העלף מיר אַז איך זאָל זיך זייער פרייען מיט דעם וואָס איך בין זוכה אויסצורייניגן דעם חמץ פון מיין שטוב און איך בין זוכה צו עסן די הייליגע מצה. העלף מיר אַז איך זאָל זוכה זיין צו די אַלע סגולות פון די הייליגע מצה, אַז די מצה זאָל אויסוואַשן מיין האַרץ, עס זאָל אַריינברענגען אין מיין האַרץ אַ שטאַרקע אמונה, אַז איך זאָל נאָר גלייבן אין דיר מיטן גאַנצן האַרץ, איך זאָל נישט האָבן קיין שום ספּיקות אין די הייליגע אמונה, איך זאָל וויסן און גלייבן מיט אַ קלאָרקייט אַז נאָר דו פירסט די גאַנצע וועלט, אַז עס איז גאָרנישט דאָ אויף די וועלט אויסער דיר.

...

דֶער עִיקָר הַצְלָחָה וֶועסְטוּ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט אַריינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט. אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גוּט, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין נָאר אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר אִין דִי גְמָרָא (יְרוּשַׁלְמִי תְּרוּמוֹת, מג:): "רַבִּי יַנַּאי הֲוָה מִידְחַל מִינֵיהּ סַגִּין", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יַנַּאי הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁלֶענְג, "וַהֲוָה יָהֵב עַרְסֵיהּ עַל אַרְבָּעָה מְרוּשִׁין דְּמַיִין", עֶר הָאט אַריינְגֶעלֵייגְט דִי פִיר פִּיס פוּן זַיין בֶּעט אִין פִיר אַמֶערְס אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער, אַז אוֹיבּ אַ שְׁלַאנְג וֶועט קוּמֶען זָאל עֶס נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף זַיין בֶּעט, וַוייל אַ שְׁלַאנְג גֵייט נִישְׁט אִין וַואסֶער; אֵיין טָאג הֵייבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן זֶעט אַ שְׁלַאנְג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אַרִימוּן מִינֵיהּ", נֶעמְט אַוֶועק דִי כֵּלִים פוּן וַואסֶער וַוייל עֶס הֶעלְפְט סֵיי וִוי נִישְׁט, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר אָפְּהִיטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קטז, ו): "שֹׁמֵר פְּתָאִים ה'"; אַ מֶענְטְשׁ קֶען פְּרוּבִּירְן אַלֶע פַּאטֶענְטְן זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס - דָאךְ מוּז עֶר נָאכְאַלְץ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט פַאר יוֹם טוֹב וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב; מֶען רֵיינִיגְט, מֶען קוֹיפְט אַיין וְכוּ' וְכוּ', דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען מוּז זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מוּז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט - אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ כָּשֵׁר'ֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב.

...

**וֶוען מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִיק קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב; מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי אַלֶע מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גַאנְץ יוֹם טוֹב אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען אִיז יוֹם טוֹב אִינְאֵיינֶעם מִיט

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶועְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קלה): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב", וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב.

אִיךְ הָאף בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועְן שֵׁיין; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִין יְשִׁיבָה אַ 'בֵּית הַדְּפוּס' וואוּ מִיר פַּארְקוֹיפְן אַלֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"ש פַאר אַפָּאר פְּרוּטוֹת, קוּם אַיינְקוֹיפְן זָאלְסְט הָאבְּן וָואס מֵפִיץ צוּ זַיין; יֶעצְט אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג וֶוען מֶענְטְשְׁן דַארְפְן אַזוֹיפִיל חִיזוּק אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע הֲכָנָה פַאר יוֹם טוֹב.

...

## פֶּה-סָח

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א, סִימָן קל"ה) "כִּי עִקַּר קְדוּשַּׁת הַיּוֹם טוֹב תָּלוּי בְּצַדִּיקִים", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי קְדוּשָׁה פוּן יוֹם טוֹב? נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִיק. וַוייל דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן אוּן וָואס מִיר זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּנֶעם יוֹם טוֹב; דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז פֶּסַח אִיז דִי וֶוערְטֶער פֶּה-סָח אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְּסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## בְּדִיקַת חָמֵץ

הַיינְט נַאכְט אִיז בְּדִיקַת חָמֵץ, אוּן עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן פוּן וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט; מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַאר מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב דַארְף מֶען זִיךְ נֶעמֶען צוּ דִי מִצְוָה פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ.

מֶען פִירְט זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן צֶען בְּרֶעקְלֶעךְ אוּן מֶען לֵייגְט עֶס אַרוּם דִי

שטוב, עס ליגט אין דעם גרויסע סודות. נאך בדיקת חמץ זאגט מען כל חמירא און מען דארף עס זאגן אויך אויף אידיש, אויף די שפראך וואס מען פארשטייט.

...

מען פירט זיך אוועקצולייגן צען ברעקלעך חמץ און דאס צאמנעמען ביים בודק חמץ זיין, דאס לייגט מען אוועק צו פארברענען; אנדערע חמץ - ווארף אלעס אוועק אין די מיסט; ביים פארברענען די חמץ דארף מען נישט מער ווי די צען ברעקלעך.

...

זע צו זיין צייטליך אין שטוב אז דיינע קינדער זאלן מיט האלטן ווי אזוי דו גייסט ארום בודק חמץ זיין. יעדע זאך וואס מען טוט מיט די קינדער, און זיי האלטן מיט די מצוה - גייט זיי אריין אין די ביינער, און ווען זיי וועלן עלטער ווערן - וועלן זיי אויך טון אלע מצות. עס איז דא עלטערן וואס זאגן אז קליינע קינדער דארף מען נישט מחנך זיין, און עס האט צייט שפעטער ווען זיי ווערן עלטער, אבער עס איז נישט אזוי, נאר ווען קינדער זענען נאך יונג דעמאלט ווילן זיי נאך מיט האלטן און דעמאלט פאלגן זיי, מה שאין כן שפעטער קען זיין אז זיי וועלן שוין נישט וועלן אויסהערן וואס מען זאגט זיי.

נעם יעדן קינד מיט, גיב יעדן עפעס; איינער זאל האלטן די לעפל, א צווייטער די פעדער, דער דריטער זאל האלטן דעם זעקל און ציילן וויפיל ברעקלעך מען האט שוין געטראפן, דעם פערטער זאל שלעפן דעם לייטער און אזוי ווייטער; אלע זאלן מחונך ווערן מיט די הייליגע מצות.

עס איז זייער וויכטיג מחנך זיין די קינדער מיט די הייליגע מצות, זיי זאלן זיין א חלק ביים מאכן די מצות; אזוי גייט אריין די מצות אין זייערע ביינער, עס בלייבט אין זיי איינגעקריצט.

...

מיר ליגט נאך דעם טעם ווי מיין טאטע האט בודק חמץ געווען ווען איך בין געווען א קליין קינד, יעדעס מאל ווען מען האט געטראפן נאך א

בְּרֶעקְל אִיז גֶעוָוארְן לוּסְטִיג אוּן לֶעבֶּעדִיג, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן "אוֹי! חָמֵץ!" אוּן מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעטַאנְצְן אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן נָאךְ אַ בְּרֶעקְל חָמֵץ, מִיר פְּלֶעגְן אַרוֹיס קוּקְן אוֹיף בְּדִיקַת חָמֵץ, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעשְׁמַאקֶע צַייט וְכוּ'.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? אַז מֶען אִיז אַזוֹי מְחַנֵךְ קִינְדֶער, הָאבְּן דִי קִינְדֶער הֲנָאָה פוּן טוּן דִי מִצְוֹת, אָבֶּער אַז אַלֶעס גֵייט צוּ מִיט שְׁרֵייעֶן: "גֵיי אַוֶועק!" "שְׁטֵיי נִישְׁט דָא!" "כַאפְּסְט אַ פְּרַאסְק!" ווִילְן דִי קִינְדֶער נָאר אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִידִישְׁקֵייט.

...

הַיינְט נַאכְט נָאכְן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין נֶעמְט מֶען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן מֶען זָאגְט: "כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְאִכָּא בִרְשׁוּתִי". דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז מֶען זָאל דָאס אוֹיךְ זָאגְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט: "אַלֶע חָמֵץ אוּן אַלֶע זוֹיעֶרְטֵייג וָואס אִיז דָא אִין מַיין רְשׁוּת וְכוּ'"; זָאלְסְטוּ צוּלֵייגְן אַז דוּ בִּיסְט אוֹיךְ מְבַטֵל 'אַלֶע חָמֵץ, זוֹיעֶרְקֵייט אוּן זוֹיעֶר טֵייג', בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין יֶעדֶע זַאךְ.

...

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין זָאלְסְטוּ זָאגְן מִיט דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער: "כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְאִכָּא בִרְשׁוּתִי". דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז מֶען זָאל דָאס אוֹיךְ זָאגְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט, טַייטְשׁ דָאס אִיבֶּער אוֹיף אִידִישׁ: "אַלֶע חָמֵץ אוּן אַלֶע זוֹיעֶרְטֵייג וָואס אִיז דָא אִין מַיין רְשׁוּת, וְכוּ'".

נָאכְדֶעם זָאג דִי תְּפִילָה וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִינֶעם הַגָּדָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ דִי תְּפִילָה: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילְן פוּן דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן דֶעם פֶּסַח פוּן דֶעם אִיסוּר חָמֵץ. הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע, אִיךְ ווִיל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן פַאר דִיר מִיט אַן אֱמֶת", מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּרוֹימֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אוּנְז אַ גַאנְץ יָאר, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ

רֵיינֶע מֹחַ, אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ רֵיינֶע לֶעבְּן, אָן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת.

•••

הַיינְט נַאכְט, לֵיל בְּדִיקַת חָמֵץ, דַארְפְן מִיר זֶען אוֹיסְצוּרוֹימֶען אוּנְזֶער זוֹיעֶרְקֵייט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מא): "לֵב נִשְׁבָּר וְעַצְבוּת אֵינוֹ עִנְיָן אֶחָד כְּלָל. כִּי לֵב נִשְׁבָּר הוּא בַּלֵּב, אֲבָל עַצְבוּת הוּא בָּא מִן הַטְּחוֹל. וְעַצְבוּת שֶׁהוּא מֵהַטְּחוֹל, הִיא סִטְרָא אַחֲרָא וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַיינְט עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת הָאט עֶר נִישְׁט צוּ טוּן מִיט קְדוּשָּׁה און דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", מֶען דַארְף אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", און אַלֶע מַחְלוֹת און קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אַלֶעס קוּמְט פוּן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הִיא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ און שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת און יִסוּרִים.

דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם וִויל נָאר זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט אַלֶעס, עֶר וִויל נָאר צוּנֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט, דֶערְפַאר וַוארְפְט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עַצְבוּת און עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי הָאט עֶר נָאכְדֶעם אַ כֹּחַ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִים מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. וַוייל וִוי לַאנְג מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען טַאנְצְט און מֶען שְׁפְּרִינְגְט, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט עֶר נִישְׁט קַיין כֹּחַ שׁוֹלֵט צוּ זַיין אוֹיפְן מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קפט): דִי גַאנְצֶע כֹּחַ

פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז עַצְבוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה סה, כה): "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", עָפָר אִיז עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת וָואס קוּמְט פוּנֶעם יְסוֹד הֶעָפָר.

...

וֶוען מִיר זֶענֶען בּוֹדֵק חָמֵץ דַארְפְן מִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין: "שֶׁתִּשְׁמֹר אֶת חָכְמָתְךָ שֶׁלֹּא יִכְנוֹס בּוֹ חָכְמוֹת חִצוֹנִיּוֹת, שֶׁלֹּא תְּהַרְהֵר בְּהִרְהוּרִים רָעִים", מִיר זָאלְן נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; דִי אַלֶע נַארִישֶׁע קַשְׁיוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'פַארְוָואס אַהֶער אוּן פַארְוָואס אַהִין', אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן אַ בָּחוּר וָואס עֶר פְרֶעגְט: 'פַארְוָואס גֵייט מִיר נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ? מִיט וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים?!' נָאכְדֶעם אַ אִינְגֶערְמַאן הֵייבְּט אָן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת: 'פַארְוָואס מוּטְשֶׁע אִיךְ מִיךְ מִיט פַּרְנָסָה? פַארְוָואס הָאב אִיךְ אַזַא וַוייב? פַארְוָואס מַיינֶע קִינְדֶער אַהֶער אוּן פַארְוָואס אַהִין?' דָאס אִיז חָמֵץ, יֶעדֶע קַשְׁיָא אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז חָמֵץ. מִיר דַארְפְן אוֹיסְרוֹימֶען דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן אַרַיינְגֵיין אִין אֱמוּנָה. חַזֶר'ן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט, דֶעמָאלְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - "עַל יְדֵי זֶה תִּנָּצֵל מֵחָמֵץ שֶׁהוּא סִטְרָא דְּמוֹתָא" וְכוּ'.

...

פַארְגֶעס נִישְׁט צוּ בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין דַיין שַׁאפֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אַסַאךְ מָאל הַאלְט מֶען דָארְט חָמֵץ וְכַדוֹמֶה, דַארְפְסְטוּ דָאס בּוֹדֵק זַיין פַאר פֶּסַח. מֶען קֶען שׁוֹין בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין פַאר בְּדִיקַת חָמֵץ, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט. אוֹיךְ דַארְף מֶען בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין דִי קַאר; עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען מַאכְט עֶס רֵיין, מֶען דַארְף דָאס בַּאזוּנְדֶער בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין.

...

## אַ שְׁטִיק פֶּסַח

מוֹהֲרַ"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען בְּדִיקַת חָמֵץ הָאט מֶען שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הֵייבְּט זִיךְ אָן.

# שְׂרֵפַת חָמֵץ

עֶרֶב פֶּסַח זָאלְסְטוּ שְׁנֶעל גֵיין דַאוְוענֶען און זען צו פַארְבְּרֶענֶען דֶעם חָמֵץ, נֶעם מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, און יֶעדֶער פון זֵיי זָאל אַרַיינְוַוארְפְן עֶפֶּעס אִינֶעם פֵייעֶר. עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען בֶּעט בִּשְׁעַת שְׂרֵפַת חָמֵץ, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאל זוֹכֶה זַיין צו וֶוערְן הֵיילִיג און עֶרְלִיךְ, און פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט אוּנְז מְשׁוּגָע, און פַארְדְרֵייט אוּנְז דֶעם קָאפּ מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת.

...

וֶוען דוּ גֵייסְט פַארְבְּרֶענֶען דִי חָמֵץ, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין פַארְבְּרֶענֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט אִינֶעם יְהִי רָצוֹן: ״יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, כְּשֵׁם שֶׁאֲנִי מְבַעֵר חָמֵץ מִבֵּיתִי וּמֵרְשׁוּתִי כַּךְ תְּבַעֵר אֶת כָּל הַחִיצוֹנִים וְאֶת רוּחַ הַטוּמְאָה תְּבַעֵר מִן הָאָרֶץ וְאֶת יִצְרֵנוּ הָרָע תְּבַעֲרֵהוּ מֵאִתָּנוּ וְתִתֶּן לָנוּ לֵב בָּשָׂר, וְכוּ׳״; און לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל שׁוֹין אַרָאפּבְּרֶענְגֶען אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַ רוּחַ טָהֳרָה, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה און מֶען זָאל שׁוֹין אָפְּלָאזְן אַלֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת.

...

צַייטוּנְגֶען און מַאגַאזִינֶען - אֲפִילוּ הֵיימִישֶׁע - אִיז חָמֵץ גָמוּר; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ה): ״וְתַעֲשֶׂה מֵאוֹתִיּוֹת חָמֵץ מַצָּה, הַיְנוּ שֶׁלֹּא תַּחְמִיץ חָכְמָתְךָ״, חָמֵץ און מַצָּה הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת, בֵּיידֶע הָאבְּן דֶער אוֹת מֶ׳ם און דֶער אוֹת צַ׳דִיק, דֶער גַאנְצֶער חִילוּק אִיז פוּן דֶעם אוֹת חֵי״ת און דֶעם אוֹת ה׳ וָואס מַאכְט אִינְגַאנְצְן אוֹיס אַ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע, וַוייל אַז מֶען לֵייגְט צוּ אַ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע צוּם אוֹת ה׳ וֶוערְט אַ חֵי״ת; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אֲפִילוּ בְּמַשֶׁהוּ, זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אוֹיסְרוּמֶען אַלֶע צַייטוּנְגֶען און מַאגַאזִינֶען פוּן שְׁטוּב, אַנְשְׁטָאט דֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

# שָׁלוֹם בַּיִת

זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה לְכָבוֹד יוֹם טוֹב; יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן שָׁלוֹם. בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט אִיר, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט. יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן אַרוֹיס גֵיין לְחֵרוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט דִי וַוייבּ - אִיז מֶען נֶעבֶּעךְ אַ גֶעבִּינְדֶענֶער מֶענְטְשׁ, מֶען אִיז פַארְשְׁפַּארְט אִין דִי אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, סִימָן א): "עַל יְדֵי גַבְהוּת הַלֵּב נוֹפֵל לִתְפִיסָה"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל גַּאֲוָה, עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, פַאלְט עֶר אַרַיין אִין זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה, עֶר הָאט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן אוּנְזֶער גָלוּת בִּכְלַל אוּן פוּן אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע גָלוּת בִּפְרַט, מִיר זָאלְן וֶוערְן אוֹיס קְנֶעכְט פַארְן יֵצֶר הָרָע, מִיר זָאלְן וֶוערְן קְנֶעכְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. מִיר זָאלְן נָאר אִים דִינֶען אוּן נָאר צוּ אִים רֶעדְן אוּן נָאר פוּן אִים טְרַאכְטְן, מִיר זָאלְן זֶען דָאס גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז אוּן אִים נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיף דִי נִיסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

...

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פַאר דַיין וַוייבּ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט צוּ גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ. זַיי נִישְׁט קַיין קַמְצָן, אוּן זַיי נִישְׁט חָמֵצְ'דִיג אוּן זוֹיעֶרְ'דִיג.

...

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ, זַיי אַ וַתְּרָן אוּן אַ סַבְלָן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט אוּן יֶעדֶער פַארְלַאנְגְט פוּנֶעם צְוֵוייטְן זִיךְ צוּ טוֹישְׁן, גֶעט עֶר אַן עֵצָה אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אַ צֶעטְל, סַיי דֶער מַאן אוּן סַיי דִי וַוייבּ, אוּן בֵּיידֶע זָאלְן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס מֶען הָאט אוֹיפְן צְוֵוייטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, אוּן מֶען זָאל נֶעמֶען דִי צֶעטְלֶעךְ אוּן נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן

אִין דֶעם, נָאר טְרָאגְן צוּ דִי שְׂרֵפַת חָמֵץ אוּן אַרַיין וַוארְפְן אִין פַייעֶר אַרַיין, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע קְרִיגֶערֵייעֶן זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֶערְן, אוּן "אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיךְ זֶע אִין מַיין וַוייבּ זָאל אִיךְ נִישְׁט זֶען מֶער".

...

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם יוֹם טוֹב בְּשִׂמְחָה; עֶרֶב יוֹם טוֹב אִיז אַ צַייט וָואס מֶען אִיז זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען מִיט דִי לֶעצְטֶע צוּגְרֵייטוּנְגֶען, דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן זוּכְט צוּ מַאכְן אַ פֵּירוּד לְבָבוֹת אִין שְׁטוּבּ צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מִיר גֵייעֶן מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת פוּן פֶּסַח אוּן מִיר גֵייעֶן עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת. יֶעצְט פֶּסַח וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר אַלֶעמֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן דָאס גֶעבְּן מִיר אִיבֶּער פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת לֵיל הַסֵּדֶר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת, עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן מֶען דַארְף זִיךְ צוּ אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן.

...

## עֶרֶב פֶּסַח

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט יֶעצְט צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוּו, אֲפִילוּ דַאוֶונֶען דַאוֶוענְט מֶען הַיינְט שְׁנֶעל; מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן מַהֲר"י מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז צְוֵויי מָאל אַ יָאר דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען שְׁנֶעל אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ מֶען זָאל דַאוֶוענֶען שְׁטֵייט, עֶרֶב פֶּסַח תְּפִלַּת שַׁחֲרִית, אוּן יוֹם כִּיפּוּר תְּפִלַּת מִנְחָה.

...

אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ בְּכוֹר אָדֶער אַז דוּ הָאסְט אַ קִינְד אַ בְּכוֹר דַארְפְסְטוּ פַאסְטְן עֶרֶב פֶּסַח; דֶערְפַאר זֶע צוּ מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן פַאסְטְן.

אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין בְּכוֹר - קֶענְסְטוּ אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן אַ מַסֶכְתָּא אוּן דָאס עֶנְדִיגְן עֶרֶב פֶּסַח. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן מְסַיֵּים זַיין אַ מַסֶכְתָּא עֶרֶב

פֶּסַח, ער פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן עֶרֶב פֶּסַח נָאכְן דַאוֶוענֶען זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן און דורךְ לֶערְנֶען מַסֶכֶת תָּמִיד, עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶע מַסֶכְתָּא, אַ שֵׁיינֶע מַסֶכְתָּא און אַ גְרִינְגֶע מַסֶכְתָּא.

...

מוֹהַרְא״ש פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צו לֶערְנֶען און מְסַיֵּם זַיין יֶעדְן עֶרֶב פֶּסַח ׳מַסֶכֶת תָּמִיד׳; עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶע מַסֶכְתָּא פון זִיבְן בְּלַאט וָואס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג אָנְצוּהֵייבְן און צו עֶנְדִיגְן. אִיךְ פִיר זִיךְ אויךְ אַזוֹי אַלֶע יָארְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ בְּכוֹר הֵייבּ אִיךְ אָן דִי מַסֶכְתָּא גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי און אִיךְ עֶנְדִיג דָאס. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין כַּמָה פְּעָמִים פָארְגֶעלֶערְנְט דִי מַסֶכְתָּא פַאר תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ גֶעגוּמֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים יָארְן צוּרִיק קוּקְן סְלֵיידְס וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און עֶס שְׁטֵייט מִיר נָאךְ פון דִי אוֹיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא; זָאלְסְטוּ אויךְ נֶעמֶען דִי מַסֶכְתָּא און דָאס מְסַיֵּם זַיין אוֹיף עֶרֶב פֶּסַח.

בְּנוֹסָף לָזֶה אִיז גוּט דוּרךְ צוּ גֵיין מַסֶכֶת פְּסָחִים לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, און דֶעם צְוֵייטְן טָאג פֶּסַח (דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) אָנְהֵייבְן לֶערְנֶען מַסֶכֶת סוֹטָה און מַסֶכֶת שְׁבוּעוֹת - יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בִּיז דֶעם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת.

הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ בַּאשְׁטֵייט פון צְוֵויי זַאכְן: ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד׳ און ׳הַפָּצָה׳; זֶע צוּ זַיין אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע חַבּוּרָה.

...

מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשֶׁערְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, בִּפְרַט פַאר פֶּסַח וֶוען מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג. זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּשֶׁערְן יֶעצְט פַאר יוֹם טוֹב, לָאז עֶס נִישְׁט אִיבֶּער פַאר דִי לֶעצְטֶע מִינוּט. זָאלְסְט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וֶועט דִיר אִיבֶּער לָאזְן בָּארְד און פֵּיאוֹת; אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט דִי שִׁיעוּר פון פֵּיאוֹת קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרַיין שֶׁערְן אִין דִי שִׁיעוּר. גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין שֶׁערֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶנְדֶערְשׁ שֶׁער זִיךְ בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וֶועט דִיךְ שֶׁערְן וִוי אַ אִיד.

...

פַארְגֶעס נִישְׁט פון דַיינֶע עֶלְטֶערְן; רוּף זֵיי אָן, פְרֶעג זֵיי צִי זֵיי דַארְפְן

עֶפֶּעס הילְף פַאר יוֹם טוֹב. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן די עֶלְטֶערְן.

...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּן יוֹם טוֹב מִיט אַ שִׂמְחָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קלה): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אִין עֶר אִיז מְקוּשָׁר צוּ אַ צַדִּיק אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן די הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב. וָואס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּשָׁר צוּם צַדִּיק? זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְהַסִּימָן עַל זֶה, אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק, הוּא אִם יֵשׁ לוֹ שִׁפְלוּת", אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וֶוער עֶר אִיז, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר וָואלְט אוֹיס גֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן; אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן יֶעדְן טָאג, עֶר פַארְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוער עֶר אִיז, אוּן וָואס עֶר טוּט, אַזַא אֵיינֶער דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוֹיף גַּאֲוָה וְכַדוֹמֶה, אַזַא אֵיינֶער וֵוייסְט גַאנְץ גוּט אַז עֶר מוּז זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל אָן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט עֶר אַוֶועק פַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְעִקַּר הַהִתְקַשְּׁרוּת הוּא אַהֲבָה, שֶׁיֹּאהַב אֶת הַצַּדִּיק אַהֲבָה שְׁלֵמָה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לִיבּ הָאבְן דֶעם צַדִּיק, וַוייל אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג אוּן מֶען הָאט אַ קְלָארֶע בִּילְד פַאר זִיךְ, וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אִין מַיין טָאג טֶעגְלִיכֶער לֶעבְּן, אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְשַׁאפְט צוּם רֶבִּי'ן.

...

מֶען קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין דֶעם יוֹם טוֹב; בִּפְרַט די וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קלב): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּשָׁר צוּם צַדִּיק, "יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב", קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן די הֵיילִיגְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב; מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'נִישְׁטָא

גָארנִישְׁט - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא "אִיךְ", "זִיךְ", "מִיךְ" - עֶס אִיז דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער; עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס; נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה'.

...

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן הַיינְט; דֶער תְּפִלָּה אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת, תְּפִלָּה כ).

"אָנָּא ה', אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מַיין מִצְרַיִם, אִיךְ זָאל שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן נָאכְלוֹיפְן עֲבֵירוֹת. אִיךְ זָאל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הִיטְן מַיין מַחֲשָׁבָה.

אָנָּא ה', אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט נִיסִים פַאר אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, דוּ הָאסְט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, פוּן דִי מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת. דוּ הָאסְט זֵיי צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין קְדוּשָׁה, דוּ הָאסְט זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ הָאסְט זֵיי אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאלְסְטוּ מִיט מִיר אוֹיךְ מַאכְן נִיסִים; נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בִּיטֶערֶע גָלוּת. אִיךְ לִיג אִין עֲבֵירוֹת, אִיךְ בִּין פַארְקְנֶעכְטֶעט פַאר מַיין יֵצֶר הָרָע, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מֹחַ, מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת טְרַאכְטְן נָאר פוּן שְׁמוּץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן תְּשׁוּבָה טוּן בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן וָואס שְׁטֵייט (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת".

אָנָּא ה', אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוּן קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט נֶערְוֶועז מַאכְן. עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּן פֶּסַח אוּן אַ גַאנְץ יָאר זָאל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דִיר".

...

עֶס אִיז דֶער מִנְהָג בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּרִיוו פוּן רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן מֵאוֹסְטְרוֹפָּאלְיֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה אוֹיף אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו: "שֶׁכָּל מִי שֶׁמְּעַיֵּן בְּסוֹד הַנִּפְלָא וְהַנּוֹרָא הַזֶּה עַל מְכוֹנוֹ, אֲפִילוּ פַּעַם אַחַת בַּשָּׁנָה, וּבִפְרַט בְּעֶרֶב פֶּסַח, מֻבְטָח לוֹ שֶׁיִּנָּצֵל בְּאוֹתָהּ שָׁנָה מִכָּל מִכְשׁוֹל וּמְמִיתָה מְשׁוּנָה, וְשׁוּם אָדָם לֹא יִמְשׁוֹל בּוֹ, וְכָל אוֹיְבָיו יִפְּלוּ תַּחְתָּיו, וְהוּא עַל בָּמוֹתֵיו יִדְרֹךְ, וּבְכָל אֲשֶׁר יִפְנֶה יַצְלִיחַ וּבְכָל עֲסָקָיו יַרְוִיחַ, עַד בִּיאַת הַגּוֹאֵל אָמֵן סֶלָה", וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם בְּרִיוו עֶרֶב פֶּסַח וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים. דֶער בְּרִיוו אִיז גֶעדְרוּקְט אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ הַגָּדָה (הַגָּדַת 'אוֹר זָרוּעַ').

אַז דוּ וֶועסְט גוּט אַריין קוּקְן אִין דֶעם בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט דָארְט אִינֶעם בְּרִיוו: "שֶׁזֶּה סוֹד הַכָּתוּב 'אֲשֶׁר' הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם, וְכַיּוֹצֵא בּוֹ הַרְבֵּה אֲלָפִים פְּסוּקִים שְׁמוּרִין לְהַסּוֹד 'אֲשֶׁר' וְכוּ', וְיֵשׁ לָנוּ בָּזֶה סוֹדוֹת נִפְלָאִים הַרְבֵּה וּרְמָזִים וּכְבוֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר", אַז אִינֶעם וָוארְט "אֲשֶׁר" אִיז דָא וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת אוּן עֶר וִויל נִישְׁט מְגַלֶּה זַיין וָואס, אָבֶּער מִיר וֵוייסְן זִיכֶער אֵיינֶע פוּן דִי סוֹדוֹת, אִין דֶעם וָוארְט 'אֲשֶׁר' לִיגְט אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ הֶערְלִיכֶע יְרוּשָּׁה 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וָואס אִיז מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא אָפְנְקֵייט אוּן שְׁטַארְקֵייט אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַפָּאר טֶעג פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו, אוּן אִינְמִיטְן פוּנֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם לָשׁוֹן: "כַּמּוּבָן הִשְׁאַרְתִּי אַחֲרַי יְרוּשָּׁה גְּדוֹלָה וְהֵם שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" שֶׁמִּסְתַּכֵּם כְּבָר עַד הַשָּׁנָה הַזוּ לְמַעְלָה מִשִּׁבְעִים אֶלֶף מִכְתָּבִים", אִין אִידִישׁ: "אִיךְ הָאבּ אַייךְ אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָּׁה - שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וָואס הַאלְט בַּיי זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו, וְלָכֵן אֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶת כָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּעַזְרוּ לִי שֶׁיֵּצֵא כָּל חֶלְקֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" לְאוֹר עוֹלָם, הֶעלְפְט מִיר צוּ דְרוּקְן אַלֶע בֶּענְדֶער אֲשֶׁר

בַּנַחַל, כָּל אֶחָד שֶׁיִּקַּח עַל עַצְמוֹ כַּמָּה כְּרָכִים לְהַדְפִּיס אֶת זֶה, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אַפָּאר בֶּענְדֶער צוּ דְרוּקְן, 'וְזֶה הַיְּרוּשָּׁה הַיְּחִידִית שֶׁהִשְׁאַרְתִּי מִמֶּנִּי''; לֵייג צוּ קָאפּ וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט: "דָאס אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער יְרוּשָּׁה וָואס אִיךְ לָאז אִיבֶּער".

...

## חַג הַפֶּסַח

וָואס אִיר דַארְפְט - בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בִּפְרַט הַיינְט וֶוען אִיר צִינְדְט דִי לִיכְט בֶּעטְס אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח, זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי קְדֻשָּׁה פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ זָאל זַיין רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל זַיין אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַרוֹיס דַיינֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס, זֵיי זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, הֶעלְף אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר אוּן תְּשׁוּבָה טוּן. יֶעצְט אִין יוֹם טוֹב פֶּסַח אִיז דָאךְ אַ צַייט וָואס מִיר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת; יֶעצְט אִין דֶעם צַייט זָאלְסְטוּ אוּנְז הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר", אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט.

...

פֶּסַח אִיז "זְמַן חֵירוּתֵנוּ", אַ צַייט וָואס מֶען וֶוערְט פְרֵיי פוּן אַלֶע צָרוֹת; וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע צָרוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ז): "עִיקַּר הַגָּלוּת זֶה רַק מַחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה", וָואס אִיז גָלוּת? אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה; ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ

מִיט אִים, בַּיי אִים און נֶעבְּן אִים – וֶוערְט עֶר אויסגֶעלֵייזְט פון אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

...

דו שְׁרַייבְּסְט מִיר: "אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט וֶועגְן פֶּסַח"; אֵיין זַאךְ דַארְפְּסְטוּ וויסְן און אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ: "דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה". פֶּסַח וַוייזְט אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט און עֶר פִירְט דִי וֶועלְט; עֶר אִיז אַלֶעס און אַלֶעס אִיז עֶר.

דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶענוּמֶען פַאר זֵייעֶר אָפְּגָאט דֶעם 'טְלֶה'; זֵיי גְלֵייבְּן אִין מַזָלוֹת און אִין נַאטוּר, דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן שֶׁחְטְ'ן דֶעם 'טְלֶה' צוּ וַוייזְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין קלב:), רַב חִסְדָּא זָאגְט: "כָּל כֹּהֵן שֶׁאֵינוֹ בָּקִי בָּהֶן אֵין נוֹתְנִין לוֹ מַתָּנָה", מֶען קֶען נָאר גֶעבְּן דִי מַתְּנוֹת כְּהוּנָה פַאר אַ כֹּהֵן וָואס קֶען אַלֶע הֲלָכוֹת וִוי אַזוֹי מֶען עֶסְט דִי מַתְּנוֹת כְּהוּנָה וְכוּ', זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא אַז מֶען פַּסְקְ'נְט נִישְׁט אַזוֹי, "דְּתַנְיָא, רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, כָּל כֹּהֵן שֶׁאֵינוֹ מוֹדֶה בַּעֲבוֹדָה אֵין לוֹ חֵלֶק בַּכְּהוּנָה", רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט אַז נָאר אַ כֹּהֵן וָואס גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דִי עֲבוֹדוֹת אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – בַּאקוּמְט נִישְׁט פוּן דִי מַתָּנוֹת; זֶעט מֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּן אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן – הָאט אוּנְז משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעגֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען שׁוֹין אַלֶע מַתָּנוֹת.

...

נָאכְ'ן בַּאפְרֵייט וֶוערְן הָאט זִיךְ דֶער רָב גֶעטְרָאפְן מִיטְן גְרוֹיסְן צַדִיק דֶער רַבִּי"ץ פוּן לִיוּבַּאווִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים; אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין תְּפִילִין און קַיין צִיצִית, עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שַׁבָּת, בְּקִיצוּר, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, קַיין שׁוּם מִצְוָה. אֵיין טָאג אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ", הָאט עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אוֹיף וָואס דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גָארְנִישְׁט דָא, אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין קַיין שׁוּם מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה',

אָבֶער עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם, שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה, רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", פְּלוּצְלִינְג אִיז אַרַיין אִין אִים אַ שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן: - 'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ' אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ מִצְוָה צוּ גְלֵייבְּן אִין דִיר; אֱמֶת טַאקֶע אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין צִיצִית, קֵיין תְּפִילִין, נִישְׁט קֵיין שַׁבָּת נִישְׁט יוֹם טוֹב, גָארְנִישְׁט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, אָבֶער: 'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ' אִיךְ קֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי אֱמוּנָה"; וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף יִצְחָק פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דָאס זִיצְן אִין סִיבִּיר צֶען יָאר דוּ זָאלְסְט דָאס גֶעוָואר וֶוערְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גָארְנִישְׁט נָאר 'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ' אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין".

...

## יְצִיאַת מִצְרַיִם, הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן פַאר דֶעם הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען אַלֶע אִידְן גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן פַארְשְׁקְלַאפְּט פַאר פַּרְעֹה? קוּם אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; קוּם מִיט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, קוּם מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן קוּם מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

...

יֶעצְט אִינֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מִיר זֶענֶען אִינֶעם "זְמַן חֵרוּתֵנוּ" גֶעדֶענְק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ב): "אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ בֶּן חוֹרִין נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

...

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יא): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה בֶּעטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי, הָאבְּן אִים דִי כִּישׁוּף מַאכֶערְ'ס גֶעפְּרֶעגְט: "תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם?" דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען אִידְן וָואס זֶענֶען עֲפָרַיִם אַזוֹי וִוי עֶרְד - אוֹיף זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַדְרֵיגָה, אוּן אִין זֵיי

ווילְסְטוּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען 'תֶּבֶן' - גֶעטְלִיכְקֵייט?! הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָמְרֵי אֱנָשֵׁי, לְמָתָא יַרְקָא, יַרְקָא שְׁקֵל", עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "יָא, מֶען קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז טִיף אִין דֶער עֶרְד; עֶר לִיגְט אִין בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ שְׁטִיק 'עָפָר', אוּן אִים צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת", אוֹיב וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְהֵייבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אָמְרֵי אֱנָשֵׁי" - זָאגְן אוּן זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "יַרְקָא" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן תְּשׁוּבָה, עַיֵין שָׁם.

...

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם, מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט אוּנְטֶערְטֶעניִגְט אוּנְטֶער פַּרְעֹה, מִיר זֶענֶען קְנֶעכְט נָאר פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי חַזֶר'ט מִיט אוּנְז דִי אֱמוּנָה אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, נִישְׁט גוּטְס אוּן נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

בַּיים סֵדֶר זָאלְסְטוּ פַארְצֵיילְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז: "הוֹצִיאָנוּ מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת, מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה, וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב, וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל, וּמִשִּׁעְבּוּד לִגְאֻלָּה"; ווי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען, ווי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, וָואס הָאבְּן אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, אַז מֶען קֶען יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קֵיין בָּשָׂר וָדָם, אַז מִיר זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ', "לְפִיכָךְ אֲנַחְנוּ חַיָּבִים לְהוֹדוֹת, לְהַלֵּל, לְשַׁבֵּחַ, לְפָאֵר, לְרוֹמֵם, לְהַדֵּר, לְבָרֵךְ, לְעַלֵּה וּלְקַלֵּס, לְמִי שֶׁעָשָׂה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ אֶת כָּל הַנִּסִּים הָאֵלּוּ".

...

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): "בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן כְּאִילוּ

ער איז געווען פארקנעכטעט פאר פַּרְעֹה אין מִצְרַיִם, און דער אייבערשטער האט אים ארויסגענומען פון דארט; שטעלט אייך פאר איר זענט אין מִצְרַיִם, אייער מאן ארבעט פאר פַּרְעֹה און ער וויל נישט אהיים קומען ביינאכט, ער איז א קנעכט פאר פַּרְעֹה, ער איז אריין געטון אין זיין געלט און אין זיין דזשאב מיטן גאנצן לייב און לעבן וכו׳; וואס האבן די ערליכע פרויען געטון, זיי האבן זיך גע׳גט? זאגן אונז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי תְּהִלִּים, סִימָן תשצה) אז בִּזְכוּת די נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת זענען די אידן ארויס פון מִצְרַיִם; די מענער זענען געווען פארשקלאפט און פארפלאגט פאר די מִצְרִיִּים - אזוי ווי היינט, מען האט געארבעט ביטער שווער, זיי זענען געווען אזוי אריינגעטון אין מאכן געלט אז זיי זענען פָּשׁוּט נישט אהיים געקומען צו זייערע ווייבער, וואס האבן די ערליכע פרויען געטון? זיי זענען געגאנגען צו זייערע מענער אויפן פעלד דארט וואו זיי האבן געארבעט, זיי האבן געברענגט פאר זייערע מענער וואסער מיט קליינע פיש, זיי האבן זיי אפגעוואשן וכו׳, און אזוי איז ארויס געקומען די גאנצע אידישע פאלק וואס זענען ארויס פון מִצְרַיִם און מְקַבֵּל געווען די הייליגע תּוֹרָה ביים בארג סִינַי; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון א אידישע פרוי וואס גייט צו איר מאן און זי איז דער וואס רעדט שיינע ווערטער וכו׳ ביז דער מאן ווערט איבערגערעדט, מען לעבט מיט ליבשאפט און מען שטעלט אויף א שטוב צוזאמען.

...

עס שטייט (שְׁמוֹת יג, יח): "'וַחֲמֻשִׁים' עָלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם", זאגט רַשִׁ"י: "'וַחֲמֻשִׁים' - אֶחָד מֵחֲמִשָּׁה יָצְאוּ, וד׳ חֲלָקִים מֵתוּ בִּשְׁלֹשֶׁת יְמֵי אֲפֵלָה", איינס פון פינף זענען ארויס, דאס הייסט א פיפטל; עס זענען ארויס פון מִצְרַיִם זעקס הונדערט טויזנט אידן, וואס איז נאר א פיפטל, און צוויי מיליאן פיר הונדערט טויזנט אידישע קינדער האבן נישט געוואלט גיין מיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, זיי האבן געוואלט בלייבן אין מִצְרַיִם, און זיי זענען אויסגעשטארבן ביי מַכַּת חוֹשֶׁךְ ווען די מִצְרִיִּים האבן נישט געזען, פאר זיי האט נישט געהאלפן די אלע נִסִּים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, ווייל זיי זענען געווען לֵצִים.

מֶען קֶען אַלֶעס אַוֶועק מַאכְן, און מֶען קֶען פון אַלֶעס חוֹזֵק מַאכְן, אָבֶער גֶעדֶענְק גוט: וֶוען מֶען מַאכְט חוֹזֵק פון אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד טוּישְׁט זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר הָאט וַוייטֶער שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר הָאט הֲנָאָה אַהֵיים צוּ גֵיין צוּ זַיין ווייבּ און קִינְדֶער וְכוּ׳, וֶוער לַיידְט יָא? דֶער וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת, און דֶער וָואס הֶערְט עֶס אוֹיס; וַוייל עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן קַיין עֵצוֹת פון דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד אוֹיף וֶועם עֶר הָאט גֶעהֶערְט לֵיצָנוּת.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ צוּ מִיר אוֹיסְגֶעוֵויינְט אַפָּאר יָאר צוּרִיק פּוּרִים וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גוּט אָנְגֶעטְרוּנְקֶען (מִן הַסְתָּם וֵוייסְט עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט אַז עֶר הָאט מִיר עֶס גֶעזָאגְט): "אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן קַיין דְרָשׁוֹת פון דִיר, וַוייל אֵיינֶער הָאט צוּ מִיר גֶערֶעדְט קֶעגְן דִיר"; דֶערְפַאר זָאג אִיךְ דִיר עֶס נָאכְאַמָאל, מִיר גֵייט עֶס נִישְׁט אָן בִּכְלַל וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר און וָואס מֶען הַאלְט פון מִיר, וְהָא רְאָיָ׳ גֶעבּ אַ קוּק, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְמַאכְט נִישְׁט דִי יְשִׁיבָה און נִישְׁט דִי חֵדֶר, נָאר פַארְקֶערְט, וִוי מֶער מֶען הָאט גֶעהַאקְט אוֹיף מִיר אַלְץ מֶער בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, נָאר וָואס דֶען? דֶער רַחְמָנוּת וֶועסְטוּ בְּלַייבְן.

...

**וִוי אַזוֹי דַאנְק אִיךְ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט מִיר דָאךְ גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פון מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעשִׁיקְט דִי אִידְן קַיין מִצְרַיִם, עֶר וָואלְט דָאךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט שִׁיקְן דִי אִידְן אַהִין, און אַזוֹי וָואלְט עֶר זֵיי נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְנֶעמֶען.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פון בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער בְּעִיקָר שְׁטֶערְט מִיר מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת, דִי צָרוֹת אִין וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פון מַיינֶע צָרוֹת, וֶוען עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף מִיר דִי צָרוֹת?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶרְקְלֶערְן, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ט אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט אַלֶעס קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י.): ״בַּהֲדֵי כַּבְשֵׁי דְרַחְמָנָא לָמָּה לָךְ?״ מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער ווֶעלְט, מִיר דַארְפְן אִים דִינֶען גֶעטְרֵיי אֲפִילוּ מִיר ווֵייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט.

ווֶען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת דַארְפְן מִיר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זֵיי רַאטֶעווֶען. אוּן ווֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי צָרוֹת דַארְף מֶען אִים דַאנְקֶען דֶערוֹיף, אַזוֹי ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְגֶען שִׁירָה אוֹיף דִי אַלֶע נִיסִים. אַזוֹי דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס ווָאס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

...

יֶעצְט ווֶען דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְלַמְּדִים לֶערְנֶען דִי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן מִצְרַיִם זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער ווִי פַּרְעֹה מִיט דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶע׳הַרְגְ׳עֶט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן דִי אִידְן הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי ווַייל דִי פָּאלִיצֵיי זֶעלְבְּסְט הָאבְּן גֶע׳הַרְגְ׳עֶט אוּן גֶעשְׁלָאגְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רוּפְן שׁוֹמְרִים, חֲבֵרִים וְכוּ׳, וְכוּ׳; מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן דִי אִידְן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת ב, כג): ״וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה, וַיִּזְעָקוּ, וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה״, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּגֶעהֶערְט אוּן גֶעשִׁיקְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; דָאס זָאל מֶען אַרֵיינְפְּרֶעגְלֶען אִין דִי קִינְדֶער.

...

# לֵיל הַסֵדֶר

## זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן מַיין טַאטֶע, אָדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין וַוייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְס בָּחוּר פְלֶעג אִיךְ אַלְץ זֶען ווי מַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ בַּיי מַיין טַאטֶע, און וֶוען מַיין טַאטֶע רֶעדְט צוּ אִים אָדֶער עֶר זָאגְט תּוֹרָה, נֶעמְט עֶר זִיךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין וַוייבּ. עֶס פְלֶעגְט מִיר זֵייעֶר שְׁטֶערְן דִי חוּצְפָּה, און אִיךְ הָאב בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועל אִיךְ דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן, און אַזוֹי טוּ אִיךְ טַאקֶע יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, און אִיךְ פְּרוּבִּיר דָאס טַאקֶע צוּ טוּן, אָבֶּער אִיךְ ווֵייס שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען אִיךְ זִיץ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ בַּיי מַיין טַאטֶע, און נָאכְדֶערְצוּ וֶוען עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער סֵדֶר פֶּסַח בַּיינַאכְט; מַיין טַאטֶע זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, זָאל אִיךְ אִים עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְהֶערְן אַלְס כִּיבּוּד אָב און זָאגְן פַאר מַיין וַוייבּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן דֶעמָאלְט, אָדֶער זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין טַאטֶע און עֶנְדֶערְשׁ אִיר מְכַבֵּד זַיין און שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ז אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חוּצְפָּה צוּ רֶעדְן בִּשְׁעַת אַ טַאטֶע רֶעדְט; לֵיידֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מְזַלְזֵל אִין דֶעם און וֶוען דֶער טַאטֶע זָאגְט תּוֹרָה בַּיים סְעוּדַת שַׁבָּת רֶעדְט מֶען און מֶען שְׁמוּעֶסְט, אַזוֹי אוֹיךְ בִּשְׁעַת אַ שִׂמְחָה וֶוען דֶער טַאטֶע שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף רֶעדְן זִיצְן דִי קִינְדֶער און שְׁמוּעֶסְן. זָאלְסְטוּ ווַייטֶער מַקְפִּיד זַיין וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין טַאטֶע אָדֶער שְׁוֶוער פַאר אַ סְעוּדָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן בִּשְׁעַת זֵיי רֶעדְן און זָאגְן תּוֹרָה וְכַדוֹמֶה, נָאר אוֹיסְהֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, סִימָן כו): ״כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִיר.

דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; דַיין וַוייבּ וֵוייסְט אוֹיךְ אַז בִּשְׁעַת אַ טַאטֶע רֶעדְט טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְהַאקְן, נָאר אוֹיסְהֶערְן מִיט יִרְאָה; זִי ווִיל אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין אִירֶע עֶלְטֶערְן וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין שְׁוֶוער נִישְׁט צוּ רֶעדְן בִּשְׁעַת עֶר רֶעדְט, פַארְקֶערְט אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועט דַיין וַוייבּ דִיר מֶער אַרוֹיפְקוּקְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זָאגְן אַלֶע אוֹיף אִים: "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה (יוֹמָא פו.).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט מִיךְ, הֶיוֹת עֶר גֵייט צוּ זַיין שְׁוֶוער אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן זַיין שְׁוֶוער זָאגְט לַאנְגֶע תּוֹרוֹת צִי עֶר קֶען זִיךְ מִיטְנֶעמֶען אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, זָאג אִיךְ אִים, קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ זֶען ווִי אַזוֹי דוּ נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, אוּן וֶוען אִינְגֶעלַייט זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין דִי זַייט מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, פְּלוּצְלִינְג בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ מַתְמִיד?! צְוֵוייטְנְס דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז וֶוען אַ טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע רֶעדְן – דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן נִישְׁט וַוייזְן כְּאִילוּ עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט, אוּן דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ שְׁוֶוער, דָאס אִיז אַ מִצְוָה וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר מְזַלְזֵל אִין דֶעם; וֶועסְטוּ זֶען בַּיי אַ שִׂמְחָה וֶוען אַ מְחוּתָּן זָאגְט אַ דְּרָשָׁה, אַלֶע שְׁמוּעֶסְן, דֶער טַאטֶע רֶעדְט אוּן זַיינֶע קִינְדֶער לַאכְן אַרוּם, דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֻצְפָּה אוּן אַ זִלְזוּל אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

...

# סֵדֶר

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין הַיינְט נַאכְט פְּרַאוֶועןְ דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר. דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאגְן: "פַארְוָואס רוּפְט מֶען אָן דֶעם לֵיל הַסֵּדֶר מִיטְן נָאמֶען 'סֵדֶר'? וַוייל דָאס אִיז אַ סֵדֶר פַאר אַ גַאנְץ יָאר; וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אִין דֶעם נַאכְט וֶועט דָאס הָאבְן אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיף אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר". אַז מֶען וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְן צוּ זַיין רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ וֶועט מֶען אַ גַאנְץ יָאר קֶענֶען גֶענִיסְן פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס קוּמְט אַרָאפּ דֶער נַאכְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (הוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִים סִימָן תמ"ז, סְעִיף קָטָן א): "הַנִזְהָר מִמַשֶׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער סַמֵ"ךְ מֶ"ם זוּכְט אַלֶע סָארְט וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען צֶעשְׁטֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן נַאכְט. עֶר וֵוייסְט אַז פֶּסַח בַּיינַאכְט וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת; יֶעדֶער אִיז גְרֵייט פַאר יוֹם טוֹב, יֶעדֶער אִיז רֵיין פַאר יוֹם טוֹב, עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין וִוי אָט אָט גֵייט עֶר וֶוערְן אוֹיס, דִי אִידְן גֵייעֶן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט עֶר וִוי אַן עֶרְלִיכֶער מַלְאָךְ, עֶר טוּט זִיךְ אָן מִיט אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א) דֶעם מַאֲמָר פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה (בָּבָא בַּתְרָא עג.): "הַאי גַּלָּא דְמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא, מִתְחַזֵי כִּי צוּצִיתָא דְנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז וִוי אַ וַואל וָואס וִויל אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אַ וַואל וָואס וִויל דֶערְטְרֶענְקֶען אַ שִׁיף; עֶר פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ וִוי אַ וַוייסֶע בְּרֶענֶעדִיגֶער מַלְאָךְ, עֶר מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אִין שְׁטוּב אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ טְרִיק פוּנֶעם סַמֵ"ךְ מֶ"ם אִים אוֹיפְצוּרֶעגְן, אוּן אַזוֹי נֶעמְט עֶר אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָׁה.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ בַּיים סֵדֶר, מִיר זָאלְן הַאלְטְן קָאפּ נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי קְדוּשָׁה וָואס קוּמְט אַרָאפּ פֶּסַח.

...

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן יֶעדֶע יָאר פַאר פֶּסַח פוּן צַדִיקִים: "וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף בַּיים סֵדֶר נַאכְט אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר", פֶּסַח בַּיינַאכְט עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען אוּן מֶען קֶען אַלֶעס פוֹעֵל'ן, אַ מֶענְטְש וָואס הָאט אַבִּיסְל יִשׁוּב הַדַעַת נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט תְּפִלָה, בִּשְׁעַת מֶען זִיצְט בַּיים סֵדֶר בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיף גֶעזוּנְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פב): "וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט פַאר אַ מֶענְטְשׁ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר - נִישְׁט וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וִויל, "שֶׁאוֹמֵר, אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וַוייל עֶר זָאגְט אִיךְ וִויל, אוּן עֶר טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", אוּן אַז עֶר טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט אִים אַלֶעס פַארְקֶערְט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל עֶס זָאל גֵיין. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן, וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן וִויל - בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט וֶועט אַלֶעס גֵיין וִוי דוּ ווִילְסְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב) אַז עֶר פִירְט זִיךְ אַז עֶר גֶעט אִיבֶּער דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, זָאל עֶר עֶס פִירְן, בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת אוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב פִיר אִיךְ מִיךְ, זָאגְט דֶער רֶבִּי, אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם טָאג, אַזוֹי הָאט מֶען נִישְׁט נָאכְדֶעם קַיין סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים צִי מֶען הָאט אוֹיס גֶענוּצְט דֶעם טָאג וְכוּ'. דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, אוּן עֶר נֶעמְט אַוֶועק דֶעם קָאפּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט מַחֲלֹקֶת אוּן מִיט זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, בִּיז מֶען פַארְשְׁפִּילְט דֶעם יוֹם טוֹב, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת, אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן שִׂמְחַת יוֹם טוֹב, אִיז מֶען בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

...

איך בעט דיר זייער דו זאלסט זאגן די הַגָּדָה מִיט שִׂמְחָה; אֲפִילוּ דו פְּרַאוּוֶועסְט נִישְׁט אַלֵיין דֶעם סֵדֶר, דו בִּיסְט בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער בַּיי דַיין ווייבְ׳ס עֶלְטֶערְן און זַאכְן בַּאדֶערְן דיר וְכוּ׳ זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין אַן עַצְבוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאר הַאלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, וַוייל דֶער וָואס זָאגְט די הַגָּדָה און עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט די נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועט זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אִין עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ:): "כָּל בַּר נָשׁ דְּאִשְׁתָּעֵי בִּיצִיאַת מִצְרַיִם, וּבְהַהוּא סִפּוּר חַדֵּי בְּחֶדְוָה, זַמִּין אִיהוּ לְמֶחֱדֵי בִּשְׁכִינְתָּא לְעָלְמָא דְּאָתֵי", וֶוער עֶס זָאגְט די הַגָּדָה, עֶר פַארְצֵיילְט די נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם און בִּשְׁעַת עֶר פַארְצֵיילְט די הַגָּדָה פְרֵייט עֶר זִיךְ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זוֹכֶה זַיין זִיךְ מִיט צוּ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף יֶענֶע וֶועלְט "דְּהוּא חֵדוּ מִכֹּלָּא", וָואס דָאס אִיז די גְרֶעסְטֶע פְרֵייד וָואס עֶס אִיז דָא אויף דֶער וֶועלְט; אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט אַלֶעס גֶעטוּן צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא, און דָא בַּאקוּמֶען מִיר פוּן אִים אַזַא שֵׁיינֶע בְּרָכָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר דַארְפְן זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ בִּשְׁעַת מִיר זָאגְן די הֵיילִיגֶע הַגָּדָה.

זַיי גְרֵייט אַז דֶער שָׂטָן וֶועט טוּן אַלֶעס דִיךְ אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דַיין שִׂמְחָה, זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ בַּיים סֵדֶר נַאכְט.

...

## מַגִּיד

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר (פִּקּוּדָא בָּתַר דָא; פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ:) פַאר מִיר הֵייבְּן אָן זָאגְן די הַגָּדָה. דֶער שְׁטִיקְל זוֹהַר פְלַאמְט אויף דָאס הַארְץ, זֶעעֶנְדִיג דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן די הַגָּדָה. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט: פֶּסַח בַּיינַאכְט וֶוען אַלֶע אִידְן זִיצְן בַּיים סֵדֶר, מֶען זָאגְט די הַגָּדָה און מֶען דֶערְצֵיילְט די נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז, "בֵּיהּ שַׁעֲתָא, כָּנִישׁ קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְכָל פָּמַלְיָיא דִילֵיהּ, וְאָמַר לוֹן, זִילוּ וּשְׁמָעוּ סִפּוּרָא דִּשְׁבָחָא דִילִי, דְּקָא מִשְׁתָּעוּ בָּנַי, וְחַדָּאן בְּפוּרְקָנִי", דֶעמָאלְט רוּפְט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּזַאמֶען אַלֶע מַלְאָכִים אוּן זָאגְט זֵיי: קוּמְט, לָאמִיר גֵיין הֶערְן דִי לוֹיב וָואס דָא אִידְן לוֹיבְּן מִיר. "כְּדֵין כֻּלְּהוּ מִתְכַּנְּשִׁין, וְאַתְיָין וּמִתְחַבְּרִין בַּהֲדַיְיהוּ דְּיִשְׂרָאֵל, וּשְׁמָעוּ סִפּוּרָא דִּשְׁבָחָא, דְּקָא חַדָּאן בְּחֶדְוָא דְּפוּרְקָנָא דְּמָרֵיהוֹן", אִין דִי צַייט קוּמֶען אַלֶע מַלְאָכִים אַרָאפּ צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן הֶערְן זִיךְ צוּ ווִי אַזוֹי מֶען דֶערְצֵיילְט דִי הַגָּדָה אוּן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט, זֵיי הֶערְן זִיךְ צוּ צוּ דִי פְרֵייד ווִי מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כְּדֵין אַתְיָין וְאוֹדָן לֵיהּ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, עַל כָּל אִינּוּן נִסִּין וּגְבוּרָן וְאוֹדָאן לֵיהּ עַל עַמָּא קַדִּישָׁא דְּאִית לֵיהּ בְּאַרְעָא, דְּחַדָּאן בְּחֶדְוָה דְּפוּרְקָנָא דְּמָארִיהוֹן", דֶעמָאלְט הֵייבְּן אָן אַלֶע מַלְאָכִים צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּן זֵיי זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "דִי אִידְן זֶענֶען אַ הֵיילִיג פָאלְק; זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִיר, זֵיי פַארְצֵיילְן אַלֶע נִיסִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט זֵיי".

...

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט פֶּסַח בַּיינַאכְט ווִי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר? תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גָארְנִישְׁט, אִיךְ זֶע אִין דִי הַגָּדָה אַז דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס אוּן דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, וָואס גֵייט מִיךְ אָן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אוֹיף מִיר, אוּן וָואס דֶער רָשָׁע הַאלְט פוּן מִיר, אָבֶּער תָּם מָה הוּא אוֹמֵר? עֶר ווַייזְט מִיטְן פִינְגֶער אַרוֹיף אוֹיבְן, וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר אוֹיבְן אִין הִימְל, ווַייל אוֹיף רוּסִיש זָאגְט מֶען 'דָארְט' תָּם; וֵויינְט עֶר "תָּם - מָה הוּא אוֹמֵר?" וָואס זָאגְט מֶען אוֹיבְן אוֹיף מִיר. דֶער הַאלְט אַז אִיךְ בִּין שְׁטָאטְ'ס מְשׁוּגָענֶער, דֶער הַאלְט אִיךְ בִּין וֶועלְטְ'ס מְשׁוּגֶענֶער, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הַאלְסְטוּ פוּן מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאג מִיר אַז דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ.

...

צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז חוּץ דִי ד' בָּנִים וָואס מִיר הָאבְּן אִין דִי הַגָּדָה - דֶער חָכָם, דֶער רָשָׁע, דֶער תָּם אוּן דֶער שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, הָאבְּן מִיר הַיינְט

אַ פִּיפְּטֶע קִינְד, אַ קִינְד וָואס פְרֶעגְט גָארְנִישְׁט; עֶר וֵייסְט נִיטְאַמָאל אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַזַא זַאךְ וִוי פֶּסַח, וִוי אִידִישְׁקֵייט; דַארְף מֶען זֵיי אוֹיפְזוּכְן אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

[דֶער שְׁטִיקְל הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו וואו עֶר בַּאשְׁרַייבְּט דִי סֵדֶר הַחֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער אוּן אֵיידֶעם, הָרַב נְתַנְאֵל פָארְקָאשׁ שְׁלִיטָ"א, פַּרְשַׁת בֹּא, תשפ"ב].

אוֹיךְ הָאט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת בֹּא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן תּוֹרָה, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת יב, כז): "אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל", לְכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "מֵעַל בָּתֵּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", נָאר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶס אִיז פוּל מִיט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶּער וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִידִישֶׁע הוֹיז אִיז עֶר כִּבְיָכוֹל גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: "דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא וואוֹינְט אַ אִיד!" וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט "עַל בָּתֵּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ אִיז אַרוֹיף אוֹיפְן טִישׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: "דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא וואוֹינְט אַ אִיד!" אִינְמִיטְן רֶעדְן אִיז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א צֶעקָאכְט גֶעוָוארְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: "דָא וואוֹינְט אַ אִיד!"

## מַצָּה

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה; מַצָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (זוֹהַר שְׁמוֹת, קפג:): "מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; דוּרךְ מַצָּה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז): "עִיקַּר הַגָּלוּת זֶה רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה", וָואס אִיז גָלוּת? אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה;

ווייל ווען אַ מענטש לעבט מיט אמונה, ער ווייסט בּיי זיך אַז אַלעס איז דער אייבּערשטער און עס איז גאַרנישט דאָ אויף דער וועלט אָנעם אייבּערשטן; דער אייבּערשטער איז ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין, אין שום מציאות מבלעדיך כלל, ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם און דער אייבּערשטער האָט זיך פאַרשטעלט אין דומם, צומח, חי, מדבּר. ווען אַ מענטש ווייסט אַז דער אייבּערשטער געפינט זיך מיט אים, בּיי אים און נעבן אים, ווערט ער אויסגעלייזט פון אַלע זיינע צרות.

מיר דאַרפן גוט אַריינבּאַקן אין אונז און אין אונזערע קינדער אַז דער אייבּערשטער פירט דער וועלט, און זיך פריידען מיט די מצות וואָס דער אייבּערשטער האָט אונז געגעבן, דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין אַ גאַנץ יאָר צו זיין אָפּגעהיטן פון עבירות, אַזוי ווי דער אר"י הקדוש זאָגט (מובא בּבאר היטב אורח חיים סימן תמז, סעיף קטן א): "הנזהר ממשהו חמץ בּפסח, מובטח לו שלא יחטא כל השנה", ווער עס איז אָפּגעהיטן פון אַ משהו חמץ אום פּסח, וועט אַ גאַנץ יאָר זיין אָפּגעהיטן פון עבירות; אַז מען פרייט זיך מיט די מצה, מען פרייט זיך "שלא עשני גוי", מען געדענקט אַ גאַנץ יאָר אַז מיר האָבן זוכה געווען צו עסן די הייליגע מצה און מיר האָבן נישט געגעסן קיין משהו חמץ - די שמחה היט אָפּ דעם מענטש פון זינדיגן.

דער של"ה הקדוש זאָגט (מסכת פּסחים; מובא בּבאר היטב אורח חיים סימן תעז, סעיף קטן א): "איך האָב געזען ערליכע אידן פלעגן זיך אַזוי פרייען מיט די מצות, זיי פלעגן קישן די מצות מיט אַ גרויסע שמחה"; וואויל איז דעם מענטש וואָס בּרענגט אַריין אין זיינע קינדער זיך צו פרייען מיט די הייליגע מצות.

...

קויף זיך איין מצה, קוק נישט אויף געלט; מען דאַרף צאָלן געלט פאַר אַ מצוה. דער זוהר הקדוש זאָגט (שמות, קכח.): אויפן פּסוק (שמות כה, ב): "ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי - האי מאן דבעי לאשתדלא בּמצוה, ולאשתדלא בּיה בּקודשא בּריך הוא, אצטריך דלא ישתדל בּיה בּריקניא ובמגנא, אלא אצטריך ליה לבר נש לאשתדלא בּיה כּדקא יאות כּפום חיליה", ווען אַ מענטש טוט אַ מצוה דאַרף מען בּאַצאָלן

גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵין שָׁם.

מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצָה וֶועלְן מִיר מְבַטֵל זַיין אַלֶע מַחְלוֹת אוּן חֲלָאִים רָעִים; מַצָה אִיז אַ מֶעדְעצִין, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ רוּפְט דָאס אָן (פַּרְשַׁת בֹּא, מא.): "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; וַוייל דוּרְךְ מַצָה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה. ווידֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ (פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, קפג:) רוּפְט עֶס דֶער זוֹהַר אָן: "מֵיכְלָא דְאַסְוָותָא", אַן עֶסְן פוּן רְפוּאָה; מַצָה הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז דָאס אֵיין זַאךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחְלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען עֶסְט מַצָה אוּן עֶס וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה – וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

...

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָה, וָואס לוֹיט טֵייל פּוֹסְקִים (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת חֲתַם סוֹפֵר יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן קצא; מַעֲשֶׂה רַב – הַנְהָגוֹת הַגְּרָ"א זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, סִימָן קפה) אִיז מֶען מְקַיֵים אַ מִצְוָה מִיט יֶעדֶע שְׁטִיקֶל מַצָה וָואס מֶען עֶסְט דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מִזֶרַע יִשְׂרָאֵל; וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן וֶוען מִיר וֶוערְן בַּאשַׁאפְן גוֹיִם? אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ.

...

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה אַז מִיר הָאבְּן אוּנְזֶערֶע מַצוֹת; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ אַ מַצָה וָואס אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד מַאכְט. דֶער קְנֶעטֶער, דֶער וַואסֶער גִיסֶער, זֵייעֶרֶע לִיפְּן שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִלוֹת. דִי וַוייבְּלֶעךְ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס צְנִיעוּת וֶועלְגֶערְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט אֱמוּנָה, מִיט תְּפִלָה וְהִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶעדְלֶער, דֶער שִׁיבֶּער אוּן דֶער פַּאקֶער; אַלֶע תַּלְמִידֵי וְתַלְמִידוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. דִי הֶכְשֵׁר גֶעבְּט דֶער דַיָין שְׁלִיטָ"א.

## מָרוֹר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ... זָאלְסְט נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ; דוּ קֶענְסְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט מִיטְן גוֹי וָואס הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט וְוִי אַ אִיד צוּ קֶענֶען עֶסְן בַּיי אִידְן פֶּסַח בַּיינַאכְט, בִּיז עֶר הָאט גֶעגֶעסְן דִי מָרוֹר הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אַנְטְלָאפְן פוּן סֵדֶר.

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד דוּ הָאסְט נִישְׁט אַרָאפְּגֶעשְׁלִינְגֶען דֶעם כְּזַיִת מָרוֹר, וָואלְסְטוּ גֶעהַאט אַ פֵיינֶע סְעוּדָה", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין צַייט וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן דֶעם כְּזַיִת מָרוֹר; אַ טֵייל הָאבְּן אַ קְלֵיינֶע כְּזַיִת, אַנְדֶערֶע הָאבְּן אַ גְרֶעסֶערֶע שִׁיעוּר, אָבֶער יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, מָרוֹר טֶעג; דִי קוּנְץ אִיז וֶוער עֶס קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וֶוער עֶס אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, נָאר פַאר זַיין גוּטְס, נָאר פַאר זַיין תַּכְלִית אוּן תִּיקוּן.

...

## בָּרֵךְ

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא יז.): "שְׁלֹשָׁה הִטְעִימָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּעוֹלָם הַזֶּה מֵעֵין הָעוֹלָם הַבָּא", דְרֵיי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, אַבְרָהָם, יִצְחָק, וְיַעֲקֹב; בַּיי אַבְרָהָם שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, א): "וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם 'בַּכֹּל'"; בַּיי יִצְחָק שְׁטֵייט (שָׁם כז, לג): "וָאֹכַל 'מִכֹּל'", אוּן בַּיי יַעֲקֹב שְׁטֵייט (שָׁם לג, יא): "וְכִי יֶשׁ לִי 'כֹל'"; דָאס בֶּעטְן מִיר בַּיי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן: "הָרַחֲמָן הוּא יְבָרֵךְ אוֹתָנוּ כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּרְכוּ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, בַּכֹּל, מִכֹּל, כֹּל, כֵּן יְבָרֵךְ אוֹתָנוּ".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): "עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְפְּרוּבִּירְט דִי אָבוֹת מִיט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס אִיז פְּשַׁט אַז דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים הָאבְּן גֶעהַאט בַּכֹּל, מִכֹּל,

כֹּל? נָאר וֶוען אַ מֶענְטְש דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר לֶעבְּט אַזוֹי, דָאס אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי הָאט אונְז גֶעלֶערְנְט מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן 'תָּם' (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט און אַלֶעס גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעמַאכְט זֵייעֶר וֵוייניג גֶעלְט אָבֶּער עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען. עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זַיין וַוייבּ: "בְּרֶענְג מִיר אַבִּיסְל זוּפּ", הָאט זִי אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ הַארְט שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי יֶעדֶע זַאךְ. וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעבֶּעטְן הָאט זִי אִים אַלְץ גֶעגֶעבְּן אַ הַארְט שְׁטִיקְל בְּרוֹיט און עֶר פְלֶעגְט זָאגְן "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי זוּפּ און פַאר דִי פְלֵייש", און דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע גֶעשְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמִים אִין דִי בְּרוֹיט וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זַיין וַוייבּ זָאל אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע טְרִינְק וַויין, און זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן וַואסֶער, און עֶר פְלֶעגְט זָאגְן "וָואסֶערֶע גוּטֶע וַויין הָאסְטוּ מִיר גֶעגֶעבְּן", וַוייל עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעשְׁפִּירְט אִין דִי וַואסֶער אַלֶע טַעֲמִים וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן.

אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרום מִיט אַ שְׁמֵייכְל; עֶר טַאנְצְט און זִינְגְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - אַ מוֹרָא'דִיגֶער וָוארְט; עֶס אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם, אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם, בַּיי מִיר", און עֶר זִינְגְט דָאס מִיט זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער און פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס הָאט אַלֶע חֵן אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוען אַ מֶענְטְש וָואס קֶען קוּים דוּרְךְ שְׁטוּפְּן דִי וָואךְ און קוּים וָואס עֶר הָאט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, מִיט דֶעם אַלֶעם גֵייט עֶר אַרוּם אַזוֹי פְרֵיילִיךְ און זִינְגְט: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁטָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר". דֶערְפַאר זֶע דוּ אוֹיךְ צוּ זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר" - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

...

מִיר בֶּעטְן בַּיי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן: "הָרַחֲמָן הוּא יְבָרֵךְ אוֹתָנוּ כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּרְכוּ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, בַּכֹּל, מִכֹּל, כֹּל, כֵּן יְבָרֵךְ אוֹתָנוּ"; הֶעלְף אוּנְז אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַזוֹי וִוי דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעטְן מִיר דָאס אִין דִי תְּפִלָּה קוֹדֶם הַתְּפִלָּה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "וּמִמַּדְרֵגָה לַמַּדְרֵגָה תַּעֲלֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לָבוֹא לְמַעֲלַת אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים, אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב", הֶעלְף אוּנְז בַּאשֶׁעפֶער, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעוֶועןְ אוֹיף דִיר בַּאשֶׁעפֶער.

...

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת מח.): אַבַּיֵי אוּן רָבָא וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵיי אַמָאל גֶעזֶעצְן פַאר רַבָּה, הָאט זֵיי רַבָּה גֶעפְרֶעגְט: "לְמִי מְבָרְכִין", וֶוען מִיר בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, צוּ וֶועמֶען בֶּענְטְשְׁן מִיר? הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "לְרַחֲמָנָא", צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט רַבָּה זֵיי וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "וְרַחֲמָנָא הֵיכָא יָתֵיב" וואוּ וואוֹינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "רָבָא אַחֲוֵי לִשְׁמֵי טְלָלָא", רָבָא הָאט גֶעוִויזְן אוֹיפְן דַאךְ, "אַבַּיֵי נְפַק לְבָרָא, אַחֲוֵי כְּלַפֵּי שְׁמַיָּא" אַבַּיֵי אִיז אַרוֹיס אוֹיפְן גַאס אוּן גֶעוִויזְן אוֹיפְן הִימְל. הָאט רַבָּה זֵיי גֶעזָאגְט: "תַּרְוַויְיכוּ רַבָּנָן הֲוִיתוּ", בֵּיידֶע פוּן אַייךְ וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. דָאס אִיז דִי שְׁפְּרִיךְ וָוארְט וָואס מֶענְטְשְׁן דְרוּקְן זִיךְ אוֹיס: "בּוּצִין בּוּצִין מִקְּטְפֵיהּ יְדִיעַ" - מֶען קֶען זֶען אוֹיף פֵּירוֹת וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין צִי דָאס גֵייט אוֹיסְקוּמֶען אַ גוּטֶע פְרוּכְט; אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֵוייסְן שׁוֹין אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): וֶוען אַ אִיד עֶסְט אִיז זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל וֶוערְן אַ יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (רוּת ב, יד): "לְעֵת הָאֹכֶל גֹּשִׁי הֲלֹם"; דֶערִיבֶּער אַז דוּ בִּיסְט גֶעשְׁטֶעלְט פוּן דִי מוֹסָד צוּ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער בְּשְׁעַת זֵיי עֶסְן,

זָאלְסְטוּ זֶען אַרַיין צוּ לֵייגְן אֱמוּנָה אִין זֵיי בִּשְׁעַת דוּ טֵיילְסְט זֵיי דָאס עֶסְן, דָאס קֶענְסְטוּ טוּן דוּרְךְ זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אוּן פוּן צַדִּיקִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה י׳:) אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער. עֶר הָאט אַרַיין גֶערוּפְן גֶעסְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב אוּן זֵיי גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען, "לְאַחַר שֶׁאָכְלוּ וְשָׁתוּ עָמְדוּ לְבָרְכוֹ", וֶוען זֵיי הָאבְן אָפְּגֶעגֶעסְן זֶענֶען זֵיי אִים גֶעקוּמֶען בַּאדַאנְקֶען, "אָמַר לָהֶם, וְכִי מִשֶּׁלִּי אֲכַלְתֶּם, מִשֶּׁל אֱלֹהֵי עוֹלָם אֲכַלְתֶּם!" הָאט זֵיי אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעזָאגְט: מִיר דַאנְקְט אִיר? דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט מַיינְס, דָאס בַּאלַאנְגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הוֹדוּ וְשַׁבְּחוּ וּבָרְכוּ לְמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם", דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע מֶענְטְשְׁן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז בִּשְׁעַת מֶען עֶסְט דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין מֶענְטְשְׁן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת אֲכִילָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן ג): "עַל יְדֵי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נִתְוַדַּע הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם", דוּרְךְ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוואוּסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט; אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן. מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס זָאל וַואקְסְן אוּן עֶר אִיז מְהַוֶּה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט עֶסְן בֶּענְטְשׁ מִיט זֵיי; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִינְגֶען מִיט זֵיי אִין אִידִישׁ "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער..." – אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וָואס מֶען הָאט גֶעגֶעסְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רלז) אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד פְלֶעגְט עֶר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן פְּרַט וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מִיר נִישְׁט בַּאגְנוּגְט מִיט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְן אוּנְז.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיכֶער מַאכְן אַז מַיין גֶעלְט זָאל מִיר נִישְׁט פַּארְלוֹירְן גֵיין?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אַ בִּיזְנֶעס, אוּן אִיךְ בַּאקוּם שֵׁיין בַּאצָאלְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ נִישְׁט דָאס גֶעלְט, אִיךְ פִּיל וִוי עֶס רִינְט מִיר אַרוֹיס פוּן דִי פִינְגֶערְס, סוֹף וָואךְ בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דִי גֶעלְט, אוּן אִיךְ הָאב נָאךְ חוֹבוֹת אוֹיךְ. לוֹיט'ן חֶשְׁבּוֹן וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט הָאבְן אַסַאךְ גֶעלְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאב אִיךְ מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן אִינֶעוֵוייניג. מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט אַז בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִידוּר אִיז מְסוּגָל פַאר עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי י, כב): "בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ", אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּשִׂמְחָה אִיז דָאס מְסוּגָל פַאר עֲשִׁירוּת; זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נָאר פוּן אַ בֶּענְטְשֶׁער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן "נְטִילַת יָדַיִם"; וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, וֶוען דוּ גֵייסְט אִין בֵּית הַכִּסֵּא זָאלְסְטוּ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט אוּן אוֹיךְ פַאר'ן עֶסְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז; דָאס אִיז מְסוּגָל אוֹיף עֲשִׁירוּת. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "עַ'ל נְ'טִילַת יָ'דַיִם"", אִיז עָ'נִ'י', וַוייל וֶוער עֶס אִיז מְזַלְזֵל אִין נְטִילַת יָדַיִם וֶוערְט פַארָארֶעמְט.

מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סב:): "אָמַר רַב חִסְדָּא", רַב חִסְדָּא הָאט גֶעזָאגְט, "אֲנָא מְשַׁאי מְלֹא חָפְנֵי מַיָּא, וְיַהֲבֵי לִי מְלֹא חָפְנֵי טִיבוּתָא", אִיךְ גִיס זִיךְ אָפּ נְטִילַת יָדַיִם מִיט אַ פוּלֶע טֶעפְּל, גֶעבְּט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַסַאךְ גֶעלְט; רַב חִסְדָּא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ בִּזְכוּת דֶעם וָואס עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן נְטִילַת יָדַיִם.

פאַרשְׁטֵייט זיך אַז דער עִיקָר איז תְּפִלָּה; בֶּעט דעם אייבערשטן יעדן טאָג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גִיב מיר פַּרְנָסָה", וועסטו האָבן גרויס שֶׁפַע.

אויך זאָלסטו אַכטונג געבן צו מְכַבֵּד זיין דיין ווייב, דער רבי זאָגט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דער עִיקָר עֲשִׁירוּת קומט בִּזְכוּת וואָס מען איז מְכַבֵּד די ווייב; אַז דו וועסט פריילעך מאַכן דיין ווייב און דו וועסט איר מְכַבֵּד זיין, וועסטו זוֹכֶה זיין צו האָבן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

אַז דו וועסט בענטשן אין אַ בענטשער, דו וועסט מַקְפִּיד זיין אויף נְטִילַת יָדַיִם, דו וועסט בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאָג און דו וועסט מְכַבֵּד זיין דיין ווייב, וועסטו זוֹכֶה זיין צו אַ גרויסע עֲשִׁירוּת.

...

אַז איר ווילט מַצְלִיחַ זיין און האָבן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע זאָלט איר מיט אייער מאַן און קינדער זיך פאַרנעמען צו בענטשן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אין אַ בענטשער פון אינעווייניג, דורכדעם וועט איר ווערן רייך. מוֹהֲרָא"ש פלעגט זאָגן אַז ער האָט זוֹכֶה געווען צו אַ גרויסע עֲשִׁירוּת וויבאַלד ער האָט זיך צוגעוואוינט צו בענטשן נאָר אינעווייניג אין אַ בענטשער; דאָס וועט אייך געבן גרויס שֶׁפַע אַז איר וועט האָבן צו געבן מַעֲשֵׂר און נאָך מער ווי מַעֲשֵׂר.

...

בְּנוֹגֵעַ פַּרְנָסָה; זייער אַסאַך מענטשן זענען יעצט געבליבן אָן פַּרְנָסָה צוליב די מַצָב פון קאָראָנע, אָבער מיר אידן דאַרפן געדענקען און מען טאָר נישט פאַרגעסן אַז פַּרְנָסָה קומט נאָר פונעם אייבערשטן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ, וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ; אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ, אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא"; קיינער קען נישט צו נעמען פון אַ צווייטן אֲפִילוּ איין פְּרוּטָה; יעדע פְּרוּטָה וואָס אַ מענטש פאַרדינט קומט פונעם אייבערשטן.

נעם די סְגוּלָה פון מוֹהֲרָא"ש פאַר פַּרְנָסָה; אַ גרינגע סְגוּלָה, אַ זיכערע סְגוּלָה - מען זאָל בענטשן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פון אינעווייניג, קיינמאָל נישט בענטשן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פון אויסנווייניג. מוֹהֲרָא"ש זאָגט אַז פון ווען ער האָט זיך אונטערגענומען צו בענטשן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אין אַ בענטשער איז ער געוואָרן

זייער רײך. מיר האט אויך דער אײבערשטער געהאָלפן מיט עשירות ווייל איך טו וואס מוהרא"ש האט געזאָגט, איך בענטש נאָר אין א בענטשער; פּרובּיר דאס אויס וועסטו אויך ווערן רײך, עס וועט דיר נישט פעלן קיין געלט.

...

[מיר ברענגען דא אראפ די מעשה ווי אזוי דער ראש ישיבה האט דאס דערציילט אין "מעשה'לעך פאר קינדערלעך"].

מיין טאטנ'ס מענטשן, בענטשן ברכת המזון אויפן קול

טייערע קינדער, לאמיר גיין קיין אומאן, לאמיר אריינקוקן אין שטוב פון רבינ'ס טאכטער, די גרויסע צדיקת אדל עליה השלום:

א שיינע סעודה קומט פאר ביים רבינ'ס טאכטער, אנשי שלומינו עסן א געשמאקע סעודה. אין די צווייטע שטוב זיצט אדל דעם רבינ'ס טאכטער מיט נאך פרויען, מען עסט און מען טרינקט אזוי געשמאק, מען שמועסט און מען פארברענגט אינאיינעם.

וויבאלד מען האט געגעסן אין באזונדערע צימערן האבן די פרויען נישט געוויסט ווי מען האלט ביי די סעודה ביי די מענער, זיי האבן געטראכט: 'האבן זיי שוין געבענטשט ברכת המזון? זאלן מיר שוין אויך בענטשן?' א טייל פרויען האבן געזאגט: "די מענער האבן שוין געבענטשט ברכת המזון, מיר דארפן שוין אויך בענטשן."

רופט זיך אן די צדיקת אדל עליה השלום: "איך זאג אייך מען האט נאכנישט געבענטשט, מען האלט נאך אינמיטן עסן, מיר קענען ווייטער עסן"; אלע פרויען קוקן אויף איר, זיי פרעגן איר: "ביסטו זיכער אז מען האט נאכנישט געבענטשט, אפשר האט מען שוין יא געבענטשט?" רופט זיך אן די צדיקת אדל: "מיין טאטנ'ס מענטשן בענטשן אויפ'ן קול, מיר וואלטן זיכער געהערט זייער ברכת המזון."

פלוצלונג הערט מען א גערודער, מען הערט פון דערווייטנס ווי מען בענטשט ברכת המזון אזוי שיין; רופט זיך אן די צדיקת אדל: "איך האב אייך דאס געזאגט, מיין טאטנ'ס מענטשן, ווען זיי בענטשן ברכת המזון בענטשן זיי אויפ'ן קול."

קִינְדֶער, יֶעצְט וֶועלְן מִיר אַלֶע בֶּענְטְשְׁן שֵׁיין הוֹיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל, אַזוֹי וִוי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים.

...

בְּנוֹגֵעַ פַּרְנָסָה; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַ סְגוּלָה לַפַּרְנָסָה, אַ סְגוּלָה לַעֲשִׁירוּת – צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִינֶעוֵוייניג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, בָּדוּק וּמְנוּסֶּה; וֶוער עֶס אִיז מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער – וֶוערְט רַייךְ.

...

**בַּיים בֶּענְטְשְׁן, מֶעג מֶען דַאנְקֶען אוֹיף אִידִישׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוֹיב אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גָאר אַ גוּטֶע פְרִישְׁטָאג לְדֻגְמָא, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ ווִיל בַּאדַאנְקְן דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מֶער וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן לַהֲלָכָה עֶס צוּ זָאגְן בִּשְׁעַתְ'ן בֶּענְטְשְׁן אִין אִידִישׁ?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט דִי נוּסָח וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען (הֲגַם עַל פִּי הֲלָכָה אִיז בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּכָל לָשׁוֹן; עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה אוֹרַח חַיִּים, סִימָן קפה, סְעִיף קָטָן א) וַוייל אִם לֹא הִזְכִּיר בְּבִרְכַּת הָאָרֶץ בְּרִית וְתוֹרָה – מַחֲזִירִין אוֹתוֹ (סִימָן קפז, סְעִיף ג), אוֹיבּ מֶען דֶערְמַאנְט נִישְׁט אִין בִּרְכַּת הַמָּזוֹן ״עַל בְּרִיתְךָ שֶׁחָתַמְתָּ בִּבְשָׂרֵנוּ, וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ״ הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען בִּרְכַּת הַמָּזוֹן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער; דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה זָאגְט (סִימָן קפה, סְעִיף קָטָן א): ״וְהַמְדַקְדֵּק יִזָּהֵר לְבָרֵךְ לְכַתְּחִילָּה תּוֹךְ הַסֵּפֶר וְלֹא בַּעַל פֶּה״, מֶען זָאל מְדַקְדֵּק זַיין צוּ בֶּענְטְשְׁן פוּן אִינֶעוֵוייניג מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער אוּן נִישְׁט אוֹיף אוֹיסֶענְוֵוייניג.

דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ מַעֲשֶׂה פוּן סֵפֶר חֲסִידִים, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ אֵיינֶע פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים,

און אִים גֶעזָאגְט: "יֶעדְן טָאג גֵיי אִיךְ אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּענְטְשְׁט צוּ בֶּענְטְשְׁן מִיט כַּוָונָה".

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מְעוֹרֵר זַיין אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן דַוְקָא אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער. מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת, און עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת, אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נָאךְ פוּן אַלְץ בָּחוּר צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניג.

דֶערְפַאר, זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם; קוּם נִישְׁט מִיט קַיין נֵייעֶ זַאכְן אַז מֶען זָאל בֶּענְטְשְׁן אִין אִידִישׁ. דוּ בֶּענְטְשׁ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אַזוֹי וִוי דִי חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז מְתַקֵּן גֶעוֶוען, און אַז דוּ ווילְסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי פֵּיינֶע עֶסְן, זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רלז), דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאגֶענִיגְנְט מִיט דִי נָאךְ בְּרָכָה, נָאר עֶר פְּלֶעגְט שׁוֹין אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ פַאר אַלֶע עֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן בִּפְרָטִיּוּת, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָארְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דִי רֶעטֶעךְ, אוֹיף דִי לֶעקֶעךְ - דָאס זָאלְסְטוּ נָאכְמַאכְן; זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף בֶּענְטְשְׁן, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, און נָאכְן בֶּענְטְשְׁן זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר גֶעבְּט דִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נ.): "מִבִּרְכוֹתָיו שֶׁל אָדָם נִיכָּר, אִם תַּלְמִיד חָכָם הוּא, אִם לָאו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט בְּרָכוֹת אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זֶעט מֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֲכִילָה, חֵלֶק ב', סִימָן ג): "עַל יְדֵי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נִתְוַדַּע הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם"; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. עֶר פְּלֶעגְט גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר אַלֶע גוֹיִם בְּחִנָּם, און וֶוען מֶען אִיז אִים גֶעקוּמֶען זָאגְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ, פְּלֶעגְט עֶר זָאגְן: "נִישְׁט פַאר מִיר קוּמְט דֶעם יְיַשֶּׁר כֹּחַ, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט מִיט דִי גוּטֶע עֶסְן", הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז אַלֶע הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט (עַיֵּין מִדְרָשׁ בְּרֵאשִׁית רַבָּה מג, ז). דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי: "עַל יְדֵי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, נִתְוַדַּע הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם", אַז מֶען עֶסְט און מֶען בֶּענְטְשְׁט, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# אֵלִיָהוּ הַנָבִיא

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר אַזוֹי וִוי אַ קְלֵייד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דֶעם - אִיז אִים דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן פִּיל גְרִינְגֶער; עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, עֶר וֶוערְט נִישְׁט בְּכַּעַס וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, וַוייל עֶר וֵוייסְט מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דָאס אִיז וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז אַלֶע יָארְן - מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה. אֵיינְמָאל פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים סֵדֶר וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר בֶּעפָאר "שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ", הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'יֶעצְט וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא; אֵלִיָהוּ הַנָבִיא קוּמְט דָאךְ זִיכֶער צוּם רֶבִּי'ן וֶועל אִיךְ אִים קֶענֶען זֶען', אוּן אַזוֹי אִיז דֶער תַּלְמִיד גֶעגַאנְגֶען צוּם טִיר מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גְלַייךְ תּוֹפֵס גֶעוֶוען זַיין מַחֲשָׁבָה אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אֵלִיָהוּ הַנָבִיא קוּמְט אַרַיין דוּרְכְן מֹחַ נִישְׁט דוּרְכְן טִיר..." זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער מֹחַ. מִיר דַארְפְן אוֹיסְרֵיינִיגְן דֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה אַז מִיר זָאלְן נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶעס גוּטְס.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אוֹיסְצוּרֵיינִיגְן דֶעם מֹחַ? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן מִיר וֶועלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט בַּיי דֶעם דֶעמָאלְט דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען אַזוֹי וִוי מִיר וֶועלְן לֶעבְּן לֶעָתִיד

לָבוֹא, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד): "כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵן לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא", ווען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אִיז בַּיי אִים שׁוֹין אַזוֹי ווִי עוֹלָם הַבָּא.

## הַלֵּל

און דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, ווען מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג הַלֵּל, גֶעדֶענְק ווָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל, זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל אוֹיפְן קוֹל אִיז מֶען זוֹכֶה לִיבּ צוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מְרִיבָה, סִימָן ג): "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל, יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵאוֹיְבֶיךָ", אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל ווערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע פַיינְט; יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט פַיינְט, בִּפְרַט דֶער גְרוֹיסֶער פַיינְט דֶער יֵצֶר הָרָע ווָאס עֶר הָאט פַיינְט אַ מֶענְטְשׁ און עֶר ווִיל אִים נָאר צוּנֶעמֶען דִי ווֶעלְט און יֶענֶע ווֶעלְט, אַזוֹי ווִי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זַיין רוּחָנִיוּת, עֶר ווִיל אִים צוּנֶעמֶען זַיין גַשְׁמִיוּת - זַיין לֶעבְּן אוֹיף דִי ווֶעלְט, עֶר ווִיל אִים הַרְגֶ'עֶנֶען אִינְגַאנְצְן". נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת שָׂרִים, סִימָן ג): "אֲמִירַת הַלֵּל וּצְדָקָה מְסֻגָּלִין לְחֵן בְּעֵינֵי הַשָּׂר", אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל בַּאקוּמְט מֶען חֵן; ווייל ווען מֶען זָאגְט דִי פְּסוּקִים פוּן הַלֵּל ווָאס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים קיח, ו): "ה' לִי לֹא אִירָא, מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, "טוֹב לַחֲסוֹת בַּה' מִבְּטֹחַ בָּאָדָם", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, "דָּחֹה דְחִיתַנִי לִנְפֹּל, וַה' עֲזָרָנִי", מֶענְטְשְׁן ווִילְן מִיךְ אַוֶועק שְׁטוּפְּן, זֵיי זָאגְן אַז פוּן מִיר ווֶעט שׁוֹין גָארְנִישְׁט ווֶערְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט מִיר.

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן הַלֵּל אָבֶּער עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, נֶעם דוּ אַלֵיין דֶעם סִידוּר און זָאג הַלֵּל מִיט אַ נִיגוּן; דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין לֶעבְּן, און לָאז שׁוֹין אָפּ אַלֶע טַעֲנוֹת וּמַעֲנוֹת ווָאס דוּ הָאסְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם; גְלֵייבּ

מיר, יעדער מענטש האט שוועריקייטן, און יעדער מיינט אז זיין לעבן טויג נישט, אבער באמת ווער ווייסט נאך אזוי גוט וואס עס איז גוט פארן מענטש ווי דער אייבערשטער אליין, וואס ער טוט אלעס און ער ווייסט דאס בעסטע וואס איז גוט פארן מענטש.

...

דער רבי זאגט (ספר המידות אות אהבה, סימן ח׳): "על ידי אמירת הלל בקול גדול, זוכים לאהבת השם יתברך". אז מען זאגט הלל אויפן קול איז מען זוכה ליב צו האבן דעם אייבערשטן, דערפאר זאגן מיר הלל אין ישיבה צוזאמען אויפן קול.

...

ברסלב׳ער חסידים פירן זיך יעדן צופרי גלייך ווען זיי שטייען אויף צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף זייער שידוך, זיי זאגן: "רבונו של עולם, איך לויב דיר און איך דאנק דיר אז איך האב חתונה געהאט". אזוי אויך יעדעס יאר ווען עס געפאלט דעם טאג וואס מען האט חתונה געהאט פירט מען זיך צו זאגן הלל (אן א ברכה), מען דאנקט דעם אייבערשטן אויף די חסד וואס דער אייבערשטער האט געטון אז מען האט געטראפן א שידוך; דאס איז שעשועי עולם הבא, צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן (עיין ליקוטי מוהר"ן, חלק ב׳, סימן ב).

...

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "ווען א מענטש רעדט זיך אפ, זאגט דער אייבערשטער: ׳קוקט אן דעם מענטש, איך געב אים גוטס און דאך רעדט ער זיך אפ, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט שלעכט׳, אבער ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן, זאגט דער אייבערשטער: ׳קוק אן דעם מענטש, ער האט גארנישט אין זיין לעבן און דאך איז ער אזוי פריילעך און דאנקבאר, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט גוט׳, און מען געבט אים א גוטע לעבן".

מיט דעם טייטשט מוהרא"ש דעם פסוק (תהלים עם פירוש תהלות נתן, קאפיטל קלו): "הודו לה׳" דאנקט דעם אייבערשטן, "כי טוב", לויבט דעם

אייבערשטן אויף זיין גוטס, "כּי לעולם חסדו", - וועט ער מאכן נאך גוטס אויף אייביג.

...

דאנקען דעם אייבערשטן ארבעט בעסער פון אלע וויטאמינען און פון אלע סגולות; דאנקען דעם אייבערשטן מאכט שטארקע נערוועז.

...

איך בעט פאר אייך, פאר אייער מאן און פאר אייער משפּחה; איר וועט בקרוב האבן א רפואה שלימה, איר וועט זיין געזונט און שטארק, עס וועלן אוועקגיין די אלע פּראבלעמען.

איר פרעגט וואס איר דארפט פארעכטן, איר בעט איך זאל אייך זאגן; איין זאך קען איך אייך זאגן, וואס "מיר אלע" דארפן פארעכטן; מיר אלע דארפן מער עוסק זיין אין דאנקען דעם אייבערשטן, מען כאפּט זיך אליינס נישט וויפיל מיר זענען שולדיג צו לויבן און דאנקען אויף אלע זיינע חסדים.

ווען מען לויבט דעם אייבערשטן נעמט מען אראפּ פון זיך אלע דינים.

...

דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן איז א רפואה פאר אלע פּראבלעמען; ווי מער מען דאנקט און מען לויבט, מען זינגט און מען טאנצט צום אייבערשטן - קומט גרויסע ישועות.

...

בנוגע וכו'; דאנק דעם אייבערשטן יעדן טאג דריי מינוט אין איין צו, וועסטו האבן א גרויסע ישועה.

## נרצה

מען זאגט ביים סדר נאכט די סימנים: "קדש, ורחץ, כּרפּס וכו'", ביים סוף זאגט מען: "נרצה" - ווער עס טוט די אלע זאכן, דער איז באוויליגט ביים אייבערשטן; דאס דארף אריינברענגען אין א מענטש אזא גרויסע שמחה, אז דער אייבערשטער האט אים ליב, און ער איז באוויליגט פאר אים, ווייל מיר האבן געטון די אלע זאכן. דער יצר הרע קומט אבער אן ווי א מחותּן ביי נרצה, און ער זאגט פארן מענטש: "האסטו דען געטון די אלע

זַאכְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?״ דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְגִינְט נִישְׁט אַז מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן, דֶערְפַאר זוּכְט עֶר וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן: ׳אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן, אָדֶער נִישְׁט?׳

...

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער בְּרִידֶער וַוארְט נִישְׁט אוֹיף סוֹף וָואךְ, הֵייבּ שׁוֹין אָן הַיינְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): ״מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר״, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) אַז דֶער גְרָ״א זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט; יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען דֶער חֵלֶק פוּן יֶענֶעם טָאג. זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג וֶועט נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פֶּסַח בַּיינַאכְט נָאכְן סֵדֶר וֶוען מֶען זִינְגְט דֶעם לִיד אוּן מֶען פְרֶעגְט: ״חֲמִשָּׁה מִי יוֹדֵעַ? חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ״, זֶע דוּ זָאלְסְט קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן: ״חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ, ׳חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תּוֹרָה׳״; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י פוּן דִי וָואךְ, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג דֶעמָאלְט קֶען מֶען מֶען זִינְגֶען ׳חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ׳, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס לִיגְט אִין חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תּוֹרָה.

...

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער סְפִּינְקֶער רֶבִּי דֶער בַּעַל אִמְרֵי יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח בַּיים צְוֵוייטְן סֵדֶר נַאכְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז גֶעזִיצְן דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט פֶּסַח נָאכְן סֵדֶר אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם צְוֵוייטְן סֵדֶר, דִי גַאנְצֶע הַגָּדָה אוּן אוֹיךְ שִׁיר הַשִּׁירִים, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ זָאגְן עֶפֶּעס לוֹיב אוּן דַאנְק פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?׳ אִיז אִים בַּייגֶעפַאלְן, אַז אַזוֹי וִוי דֶער נֵס פּוּרִים וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן הָרָשָׁע אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶעם צְוֵוייטְן טָאג פֶּסַח, וֶועט עֶר יֶעצְט לֵיינֶען דִי מְגִילָה לְכָבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן נֵס.

אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דִי מְגִילָה; וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען דִי מְגִילָה הָאט עֶר דֶערְזֶען פַאר זִיךְ שְׁטֵיין אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט, הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט דִי נְשָׁמָה: "וָואס ווילְסְטוּ פוּן מִיר אוּן וָואס פַאר אַ שַׁייכוּת הָאסְטוּ מִיט מִיר אַז דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר?" הָאט דִי נְשָׁמָה אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל. אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנוֹם אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין גַן עֵדֶן בִּיז זֵיי וֶועלְן הָאבְן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער זְכוּת. אוּן יֶעדֶעס יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע נְשָׁמוֹת קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן. אַפָּאר חֲדָשִׁים פַאר פּוּרִים קוּמֶען צוּ גֵיין טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן וַוייל זֵיי ווילְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן, אָבֶער וויבַּאלְד עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער ווי אַפָּאר שָׁעָה ווי לַאנְג מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה, אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט אַז אַלֶע נְשָׁמוֹת זָאלְן קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן, דַארְפְן זֵיי וַוארְטְן אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה.

זָאגְט דִי נְשָׁמָה וַוייטֶער: "אִיךְ פְּרוּבִיר שׁוֹין אַפָּאר יָאר זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין, אָבֶער אַלֶעמָאל פַארְמַאכְט זִיךְ דִי טִיר פּוּנְקְט פַאר אִיךְ גֵיי אַרַיין; דִי יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אָבֶער מַמָשׁ פַאר מִיר הָאט זִיךְ דִי טִיר פַארְמַאכְט! הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארֶעכֶענְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא בִּיזְן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. אַזוֹי ווי אִיךְ שְׁטֵיי דָא אוּן וַוארְט אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר פּוּרִים, הֶער אִיךְ פְּלוּצְלִינְג ווי אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָה, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיר פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל מִיר עֶפֶענֶען דִי טִיר, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנֶה צוּ זַיין דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ קְלַאפּ, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: 'וָואס הֵייסְט, אִיךְ הֶער ווי מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה אוּן אִיךְ ווִיל אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן', הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: 'אֶמֶת טַאקֶע אַז אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָה, אָבֶער יֶעצְט אִיז פֶּסַח בַּיינַאכְט, יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן, דוּ דַארְפְסְט וַוארְטְן אוֹיפְן

קוּמֶענְדִיגֶער יָאר פּוּרִים׳, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן צוּרִיק גֶע׳טַעֲנָה׳ט: ׳וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ צִי עֶס אִיז פֶּסַח צוּ פּוּרִים? וְוִיבַּאלְד מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה דַארְף מֶען מִיךְ אַרַיינְלָאזְן!׳ אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶע׳טַעֲנָה׳ט בִּיז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען פוּן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה זֶען וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, נָאכְן אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים הָאט בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה גֶעזָאגְט אַזוֹי: ׳יֶעצְט אִיז טַאקֶע נִישְׁט דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען אַרַיינְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ דֶער אִיד וָואס לֵיינְט דִי מְגִילָה אוּן עֶר וֶועט פַּסְקְ׳נֶען אַז מֶען דַארְף דִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן, וֶועט מֶען דִיךְ אַרַיינְלָאזְן׳״.

הָאט דִי נְשָׁמָה גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד: ״אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גֶעבְּט מִיר רְשׁוּת אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן אִיךְ זָאל שׁוֹין מְתוּקָן וֶוערְן״. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: ״אִיךְ נֶעם אוֹיף מִיר דֶעם תַּפְקִיד דִיר צוּ מְתַקֵן זַיין אוּן גֵיי זָאג פַאר׳ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אַז מֶען זָאל דִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן״.

עַד כַּאן הַמַּעֲשֶׂה וָואס דֶער בַּעַל אִמְרֵי יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח; דִי וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אַלֵיין.

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה - הָאט מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט, אַז בִּשְׁעַת מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט) אַז דֶער גַן עֵדֶן אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דָאס אִיז גַן עֵדֶן. צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה.

## שִׁיר הַשִּׁירִים

מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶען יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת וִוי מוֹהֲרָא״שׁ זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק נָאכְן דַאוֶונֶען אוּן נָאכְן אָנוואוּנְטְשְׁן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם ׳אַ גוּט שַׁבָּת׳, צוּ זָאגְן ׳שִׁיר הַשִּׁירִים׳ מִיט אַזַא בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפח, סְעִיף ב) ״מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ עֹנֶג אִם יִבְכֶּה כְּדֵי שֶׁיֵּלֵךְ הַצַּעַר מִלִּבּוֹ, מוּתָּר לִבְכּוֹת בְּשַׁבָּת״, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ תַּעֲנוּג פוּן דֶעם, דָאס הֵייסְט עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶוערְט אִים גְרִינְגֶער

- מֶעג עֶר וֵויינֶען שַׁבָּת, און דֶער ט"ז זָאגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ב'): "וְכֵן מָצִינוּ בְּרַבִּי עֲקִיבָא (בַּזֹּהַר חָדָשׁ) שֶׁהָיָה בּוֹכֶה מְאוֹד בְּאוֹמְרוֹ שִׁיר הַשִּׁירִים", רֶבִּי עֲקִיבָא פְלֶעגְט זָאגְן 'שִׁיר הַשִּׁירִים' שַׁבָּת און עֶס הָאט אִים גֶערִינֶען טְרֶערְן פון גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען בַּיי מוֹהֲרָא"ש ווִי עֶר פְלֶעגְט וַוארְטְן בִּיז יֶעדֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט גוּט שַׁבָּת, און עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט און גֶעזָאגְט 'שִׁיר הַשִּׁירִים' מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקְשַׁאפְט.

...

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען וַוארְט אָפּ דֶעם שַׁבָּת, מֶען זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים, מֶען בֶּענְקְט צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּנֶעם וָואכֶענְדִיגְן גֶעיֶעג. נָאךְ לִיכְט צִינְדְן זִיצְט דֶער טַאטֶע מִיט דִי קִינְדֶער און זִינְגְט מִיט זֵיי שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט, עֶס שְׁרֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם אִיד (שִׁיר הַשִּׁירִים ה, ב): "אֲנִי יְשֵׁנָה" - אִיךְ בִּין שְׁלָאפֶעדִיג, אִיךְ בִּין אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיד, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת וֶוערְט: "וְלִבִּי עֵר", אִיךְ וֶועק זִיךְ אוֹיף צוּ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער. דֶער אִיד גֵייט אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט (שָׁם א, ו): "אַל תִּרְאוּנִי שֶׁאֲנִי שְׁחַרְחֹרֶת", קוּק נִישְׁט אוֹיף מַיין שְׁוַוארְצְקֵייט, אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם - "שֶׁשֱּׁזָפַתְנִי הַשָּׁמֶשׁ", דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר; עֶרֶב שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס דֶעם אֶמֶת, מֶען זָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם ו, ג): "אֲנִי לְדוֹדִי", אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר, אִיךְ ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ - "וְדוֹדִי לִי".

...

וֶוען דַיין וַוייבּ צִינְדְט דִי לֶעכְט זָאלְסְטוּ זָאגְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ שִׁיר הַשִּׁירִים; אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער לֶערְן אוֹיס צוּ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, הַגָּדוֹל לְפִי גָּדְלוֹ וְהַקָּטָן לְפִי קָטְנוֹ.

...

אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן צוּזַאמְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בְּשַׁעַת מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת; עֶס אִיז אַ תַּעֲנוּג צוּ הֶערְן ווִי שֵׁיין דִי קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט דִי נִיגוּנִים. מִיר דַארְפְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אַזוֹי ווִי דֶער

רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת דַארְפְן מִיר זִינְגֶען זְמִירוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קד); אַז דוּ וֶועסְט זֵיי אַזוֹי מְחַנֵךְ זַיין וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

הַלְוַואי וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעזָאגְט מִיט זֵיי יֶעדֶע וָואךְ שִׁיר הַשִּׁירִים פַארְן דַאוֶוענֶען אַזוֹי וִוי דוּ טוּסְט זוּמֶער אִין קֶעמְפּ; דָאס אִיז בַּיי מִיר דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ, צוּ זֶען וִוי דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

דָאס וָואס אִיךְ זָאג שִׁיר הַשִּׁירִים אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וָואס וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעזֶען אִין שְׁטוּבּ חוּץ אַז מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אוּן וִוי מֶען עֶסְט אוּן שְׁלָאפְט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען פְּרִי אִין שׁוּל אוּן אִיךְ וֶועל זָאגְן אוֹיפְן קוֹל 'שִׁיר הַשִּׁירִים', אַזוֹי וֶועלְן דִי בָּחוּרִים זֶען וִוי אַזוֹי מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ צוּם שַׁבָּת, אוּן אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט תַּלְמִידִים וָואס וֵוייסְן שׁוֹין הַיינְט צוּטָאגְס וִוי אַזוֹי מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ שַׁבָּת, זֵיי זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ וֶוען מֶען צִינְדְט לִיכְט אוּן זִינְגֶען דֶעם גֶעזַאנְג פוּן שִׁיר הַשִּׁירִים, אוּן אַזוֹי בְּרֶענְגֶען זֵיי אַרַיין דֶעם שַׁבָּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ.

...

אַ מַתָּנָה פַאר דִי טֵייעֶרֶער צַדִיק ... נֵרוֹ יָאִיר, בֶּן הָרַב ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, נֶכֶד הַצַּדִיק רֶבִּי ... שְׁלִיטָ"א

דִי מַתָּנָה אִיז אַ צֵייכְן פַאר'ן זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְ'ן קוֹל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, זָאלְסְט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

אַ איד איז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מַזְכִּיר זַיין אֵיינֶער פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה וָואס איז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק לֹא עָלֵינוּ, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, וְאָמַר: "שֶׁכָּל הָרְפוּאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם כֻּלָּם כְּלוּלִים בְּשִׁיר הַשִּׁירִים", וַוייל אַלֶע רְפוּאוֹת פוּן דֶער וֶועלְט לִיגְט אִין שִׁיר הַשִּׁירִים, "וְכֵן הָיָה שֶׁתֵּכֶף הָיָה שִׁנּוּי לְהַחוֹלֶה וְחָזַר לְאֵיתָנוֹ", דֶער איד הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן דֶער חוֹלֶה הָאט גֶעהַאט אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמג).

...

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז זַייט קָארָאנֶע פֶּעלְט בַּיי אַייעֶר מַאן דִי כֹּחַ וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט גוּטֶע סְגוּלוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תס): "מִי שֶׁאֵין לוֹ גְּבוּרַת אֲנָשִׁים שֶׁיֹּאמַר שִׁיר הַשִּׁירִים מִשְׁלֵי וְקֹהֶלֶת", דוּרְךְ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, מִשְׁלֵי אוּן קֹהֶלֶת - בַּאקוּמְט מֶען כֹּחַ; דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלָה.

בִּכְלַל אִיז גוּט צוּ וִויסְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמג): "כָּל הָרְפוּאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם כֻּלָּם כְּלוּלִים בְּ'שִׁיר הַשִּׁירִים'", אַלֶע רְפוּאוֹת פוּן דִי וֶועלְט לִיגְן אִין שִׁיר הַשִּׁירִים; ווארּיל אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט דִי עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

...

מוֹהֲרַ"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים אוּן עֶר זִינְגְט זִיךְ דֶעם פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ט): "הִנֵּה זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ" אוּן עֶר טַייטְשְׁט דָאס אוֹיס אַזוֹי: "הִנֵּה זֶה עוֹמֵד", אָט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר שְׁטֵייט דָא; "אַחַר", דָאס וָואס מִיר זֶעעֶן דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מִיר זֶעעֶן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אוּן זִיךְ גֶעמַאכְט "כָּתְלֵנוּ", אַ וַואנְט; אָבֶּער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַרָאפּ דֶעם וַואנְט אוּן מֶען זֶעט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, מֶען וֶועט זָאגְן (יְשַׁעְיָה כה, ט): "הִנֵּה אֱלֹהֵינוּ זֶה קִוִּינוּ לוֹ וְיוֹשִׁיעֵנוּ, זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ".

...

## מַעֲשִׂיוֹת פַאר קִינְדֶער

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ בִּיסְט מְסַדֵּר אַזוֹי שֵׁיין דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, דוּ בִּיסְט דָאס מַגִּיהַּ זֵייעֶר גוּט, מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין טָעוּתִים.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער':

קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט ווִי אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ צַדִיק?

דִי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אַלֶע: "אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"!

זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק ווַייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'ען אִין מִקְוֶה לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס טוּן כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען אַ אִיד זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים בַּיי זַיין שְׁטֶענְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אַזוֹי ווִי דֶער אִיד וָואס זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט', הָאט עֶר זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער, דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז מָאדְנֶע, וָואס זִיצְט אַ קִינְד אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער? עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ, זֵיי טוּעֶן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן.

אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּן אַלְץ נַארִישֶׁע קִינְדֶערִישֶׁע זַאכְן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער אוּן גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם שַׁבָּת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק", דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעזִיצְן אַ לַאנְגֶע צַייט.

דֶער אִיד הָאט פַארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבִּי זִיצְט דָארְט, בִּיז וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין

גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, דֶעמָאלְט אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זִיצְן אַזוֹי לַאנְג אִין דִי טוּנְקְל.

אַלֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן, אִיר וֶועט גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן אַלֶע וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין אַרְבֶּעט, זַיי נִישְׁט קַיין מִסְתַּפֵּק בְּמִעוּט, וֶוער נִישְׁט זַאט; טְרַאכְט אַלְץ 'וָואס נָאךְ קֶען מֶען טוּן מִיט דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט?' נֶעם צוּזַאמֶען אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פַאר קִינְדֶער אוּן גֶעב אַרוֹיס אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סֵפֶר מַעֲשִׂיוֹת פַאר קִינְדֶער, דָאס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; דִי מֵפִיצִים וֶועלְן דָאס טֵיילְן בַּיי דִי הַייזֶער, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דָאס כַאפְּן.

...

## חוֹל הַמוֹעֵד

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, וָואס לוֹיט טֵייל פּוֹסְקִים (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת חֲתַם סוֹפֵר יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן קצא; מַעֲשֶׂה רַב – הַנְהָגוֹת הַגְרָ"א זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, סִימָן קפה) אִיז מֶען מְקַיֵים אַ מִצְוָה מִיט יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָּה וָואס מֶען עֶסְט דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מִזֶרַע יִשְׂרָאֵל; וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן וֶוען מִיר וֶוערְן בַּאשַׁאפְן גוֹיִם? אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָעִים גוֹרָלֵנוּ.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פֶּסַח זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן פוּן אֵיין אִיד צוּם צְוֵוייטְן צִי עֶר הָאט אַבִּיסְל בִּיר פַאר אִים, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "חַס וְשָׁלוֹם! בִּיר אִיז חָמֵץ", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן דֶערְפַאר מֶער, צְוֵוייא מָאל דֶער וֶוערְד פוּן אַ פְלֶעשְׁל בִּיר וֶועסְטוּ מִיר יָא גֶעבְּן? הָאט מֶען אִים וִוידֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין! בִּיר אִיז חָמֵץ", וֵוייסְטוּ וָואס – זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב – "אִיךְ דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג אַ פְלֶעשְׁל בִּיר, אִיךְ בִּין אֲפִילוּ גְרֵייט צוּ צָאלְן בִּיז טוֹיזְנְט רוּבְּל", אָבֶּער יֶענֶער הַאלְט זִיךְ בַּיי דָאס זַיינִיגֶע אוּן שְׁרֵייט וַוייטֶער אַז בִּיר אִיז חָמֵץ. אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גוֹי אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר הָאט אִים צוּ פַארְקוֹיפְן זַיידְן, דֶעמָאלְט הָאט דִי רֶעגִירוּנְג נִישְׁט גֶעלָאזְט הַאנְדְלֶען

מִיט זַיידְן, הָאט דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: "נֵיין, מֶען טָאר נִישְׁט הַאנְדְלֶען מִיט זַיידְן, מֶען קֶען בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם תְּפִיסָה", וֶוייסְטוּ וָואס - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב - "אִיךְ דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג הָאבְּן זַיידְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ צָאלְן בִּיז טוֹיזְנְט רוּבְּל", הָאט דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: "וַוארְט מִיר דָארְט אוּן דָארְט, אִיךְ וֶועל דִיר בְּרֶענְגֶען זַיידְן"; הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶערוּפְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קוּק אָן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ שְׁרַייבְּסְט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת יג, יז): "וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ חָמֵץ וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ שְׂאֹר בְּכָל גְּבֻלֶךָ", עֶס זֶענֶען נִישְׁט דָא קַיין פָּאלִיצֵיי וָואס קוּקְן דָאס נָאךְ, מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין בְּרֶעקֶל חָמֵץ בַּיי קַיין אֵיין אִיד, (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א יז, כא): "מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ".

...

עֶס קוּמְט יֶעצְט אַזַא שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח - אַכְט טֶעג יוֹם טוֹב וָואס מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט, זֶע אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט; עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד' וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו). אַבִּיסְל גֵייט מֶען פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן אַבִּיסְל לֶערְנְט מֶען.

...

מֶען טָאר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן חוֹל הַמּוֹעֵד אָבֶער הֲפָצָה דַארְף מֶען גֵיין אֲפִילוּ אוּם חוֹל הַמּוֹעֵד; ווארוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מֵפִיץ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וְכוּ' אוּן דוּ בְּרֶענְגְסְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּזְכוּת דֶעם זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארֶערְכְטְן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵּן זַיין.

...

חוֹל הַמּוֹעֵד טָאר מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן. אַ בָּחוּר פְרֶעגְט מִיר צִי עֶר זָאל נֶעמֶען אַ דְזְשַׁאבּ חוֹל הַמּוֹעֵד וְכוּ', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז חוֹל הַמּוֹעֵד טָאר מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, נָאר אַז מֶען וֶועט דִיר צוּנֶעמֶען דַיין פַּרְנָסָה מֶעג מֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן, אָבֶער דִי גֶעלְט נֶעמְט מֶען נִישְׁט, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא אִין דֶעם קַיין סִימָן בְּרָכָה.

הֲפָצָה מֶעג מֶען גֵיין, אוּן מֶען דַארְף גֵיין, נִישְׁט קַיין חִילּוּק חוֹל הַמּוֹעֵד

צִי וֶוען אִימֶער. וֶוען ר׳ נָתָן נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעזִיצְן שִׁבְעָה לֹא עָלֵינוּ - נָאךְ זַיין טַאטֶע; זָאגְט מִיר אֵיינֶער, אַז וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין, הָאט בַּאקוּמֶען אַפָּאר סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן ר׳ נָתָן נֵרוֹ יָאִיר. דָאס אִיז פַאר מִיר גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶער לִימוּד, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ ׳יֶעצְט קֶען אִיךְ נִישְׁט גֵיין הֲפָצָה׳. דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען עֶס קוּמְט חוֹל הַמּוֹעֵד אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער הֲפָצָה אִיז נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, דָאס אִיז הַצָּלַת נְפָשׁוֹת, אַזוֹי וִוי אַ הַצָּלָה מַאן זָאל זָאגְן ״חוֹל הַמּוֹעֵד גֵיי אִיךְ נִישְׁט רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן״, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ.

...

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר פֶּלֶא יוֹעֵץ, עֶרֶךְ חוֹל הַמּוֹעֵד) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עה, ג): ״כִּי אֶקַּח מוֹעֵד, אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט״, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן, אוּן מֶען וֶועט אִים פְרֶעגְן: ״פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט?״ וֶועט עֶר עֶנְטְפֶערְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען טָרוּד צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, וֶועט מֶען אִים זָאגְן לָאמִיר זֶען וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן חוֹל הַמּוֹעֵד וֶוען מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט, וָואס אִיז דֶעמָאלְט דֶער תֵּירוּץ? טַייטְשְׁט עֶר אַזוֹי: ״כִּי אֶקַּח מוֹעֵד״, מֶען וֶועט נֶעמֶען דִי יָמִים טוֹבִים אוּן זֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט דִי צַייט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט, ״אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט״, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען אִים קֶענֶען פַּסְקְ׳נֶען; אִיז אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ צַאם גֶעלֶערְנְט דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אוּן וִויפִיל מַסֶכְתּוֹת אִין שַׁ״ס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אוּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען; מַסֶכֶת פְּסָחִים, שְׁקָלִים, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סוּכָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וְכוּ׳ וְכוּ׳ - הָאסְטוּ מִיךְ מוֹרָא׳דִיג מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען.

שְׁטַארְק דִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: ״וֶוען דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן״. דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ בַּיי דִי תַּלְמִידֵי ׳הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ׳, וֶוער עֶס פָאלְגְט אוּן לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, עֶר דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, עֶר זוּכְט נָאר וִוי עֶר קֶען אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אוּן נָאךְ אַ דַף גְּמָרָא.

...

עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקמה, סְעִיף ד) אַז מֶען טָאר

נִישְׁט שְׁרַייבְּן חול הַמּוֹעֵד, אָבֶּער אַ דָּבָר הָאָבֵד מֶעג מֶען יָא שְׁרַייבְּן. עֶס זֶענֶען דָּא פּוֹסְקִים וָואס זָאגְן אַז חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה מֶעג מֶען שְׁרַייבְּן (שָׁם סְעִיף ט; כַּף הַחַיִּים סְעִיף קָטָן עט).

אִיךְ מַיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא דָּבָר הָאָבֵד וִוי דָאס אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אִין חול הַמּוֹעֵד: הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זָאל עֶר ווִיסְן אַז יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן פְלַאנְצְט דָאס אַיין אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעָבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין" אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט): 'בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד'"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע דָּבָר הָאָבֵד, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אָן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְּמָרָא. חול הַמּוֹעֵד דַארְף מֶען נָאךְ מֶער לֶערְנֶען, חול הַמּוֹעֵד אִיז נִישְׁט קַיין צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, חול הַמּוֹעֵד לֶערְנְט מֶען אוּן מֶען גֵייט מִיט דִי קִינְדֶער זִיךְ פְרֵייעֶן, אָבֶּער נִישְׁט אַז עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה מִזְוִויהֶעל זְכוּתוֹ

יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: "אָן גְמָרָא הָאט מֶען אַ פָּנִים פון אַ הונְט, רַחֲמָנָא לִצְלָן".

...

שַׁבָּת חול הַמּוֹעֵד זִינְגֶען מִיר דֶעם גַאנְצְן "לְכָה דוֹדִי"; אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"ש אַיינְגֶעפִירְט.

מִיר זָאגְן נִישְׁט דִי שְׁטִיקְלֶעךְ זוֹהַר פון "כְּגַוְנָא".

בַּיי "לֹא תֵבוֹשִׁי", בַּיי דִי שְׁטִיקְל "בּוֹאִי בְשָׁלוֹם" - טַאנְצְן מִיר אַרום דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אַנְדֶערְשׁ וִוי סְתַּם אַ שַׁבָּת וָואס מִיר דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיס מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין.

...

שַׁבָּת חול הַמּוֹעֵד בַּיי אוּנְז אִין חוּץ לָאָרֶץ דוּכְנְ'ט מֶען.

...

גֵיי נִישְׁט חול הַמּוֹעֵד אוֹיף פְּלֶעצֶער וואו עֶס אִיז דָא תַּעֲרוּבוֹת, און גֵיי נִישְׁט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן; פַארְבְּרֶענְג נִישְׁט מִיט חֲבֵרִים מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער. אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל'דִיגֶע זַאךְ וָואס אִינְגֶעלַייט טוּעֶן, אַז מֶען פָּארְט צוזַאמֶען מִיט אַ חָבֵר מִיט זַיין וַוייבּ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ו, כז-כט): "הֲיַחְתֶּה אִישׁ אֵשׁ בְּחֵיקוֹ וּבְגָדָיו לֹא תִשָּׂרַפְנָה, אִם יְהַלֵּךְ אִישׁ עַל הַגֶּחָלִים וְרַגְלָיו לֹא תִכָּוֶינָה, כֵּן הַבָּא אֶל אֵשֶׁת רֵעֵהוּ לֹא יִנָּקֶה כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהּ", אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט הַאלְטְן אוֹיף זַיין שׂוֹיס פֵייעֶר אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּבְּרִיעֶן, און אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיף בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילְן אָן דֶעם וָואס עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּבְּרִיעֶן זַיינֶע פִיס, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער וָואס זָאגְט: אִיךְ שְׁמוּעֶס נָאר וְכוּ', אִיךְ רֶעד נָאר מִיט אִיר וְכוּ', מִיר גֵייעֶן נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען וְכוּ', אָבֶּער צום סוֹף וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן.

הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט? הָאסְט אַ וַוייבּ? גֵיי מִיט אִיר, פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר, לַאךְ מִיט אִיר; זֵיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם און זוּךְ דִיר נִישְׁט קַיין צָרוֹת, יֶעצְט הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, אַז אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט גֶטְ'ן וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיבֶּער חָכָם וְכוּ'.

...

גֶעבּ אַכְטוּנְג וואו דוּ גֵייסְט חוֹל הַמּוֹעֵד הַאלְטְן; עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען פֶּסַח בַּיינַאכְט, עֶס אִיז דָא גֶענוּג שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע פְּלֶעצֶער וואו מֶען קֶען גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

...

דַיין זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר מֶעג גֵיין חוֹל הַמּוֹעֵד צוּ דִי פְּלֶעי, הָאט אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר אִים עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין. עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען דָארְט; דִי יוּנְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל פַארְקוֹיפְן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ׳, עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט אִים הַאלְטְן מִיט דִיר חוֹל הַמּוֹעֵד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֶענֶער פוּן זַיין רֶבִּי, עֶר פְרֶעגְט זַיין רֶבִּי אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים, דָאךְ פְרֶעגְט עֶר אִים נָאךְ אַלְץ זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיֵּצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) אַז דָּוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי 'מְפִיבֹשֶׁת' אַלֶע זַיינֶע שְׁאֵלוֹת, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת. דֶעם זוּן הָאט מֶען גֶערוּפְן 'כִּלְאָב' וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְשֶׁעמֶען; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז דָּוִד הַמֶּלֶךְ'ס רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

וָואס הָאט דָאס פְרֶעגְן אַ רֶבִּי אוּן זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אִים עֵצוֹת וִוי צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ אוּן עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט סֵיי עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר הָאבְּן קִינְדֶער צַדִּיקִים. וַוייל דִי

קינדער וועלן אויך טון אזוי ווי דער טאטע, זיי וועלן אויך פרעגן יעדע זאך און פאלגן; אבער אז דער מענטש גייט אליינס מיט זיין אייגענעם קאפ, אדער ער באלייידיגט זיך ווען דער רבי זאגט אים וואס צו טון, וועלן זיינע קינדער אויך גיין מיט זייער אייגענע שכל און גארנישט האבן.

איך האף אז דו פארשטייסט וואס איך שרייב דיר.

...

## שביעי של פסח

היינט נאכט איז שביעי של פסח וואס איז זייער א גרויסער נאכט; אין דעם נאכט זענען די אידן אריבער געגאנגען דעם ים סוף און זענען צוגעקומען צו די גרעסטע מדריגות, אזוי ווייט אז (מכילתא דשירה, ג): "ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל הנביא", אפילו א פשוט'ע דינסט האט געזען און געשפירט אזא מין געטליכקייט, נאך מער ווי די נביאים; מיר קענען אויך זוכה זיין צוצוקומען צו די מדריגה, צו שפירן דעם אייבערשטן און צו לעבן מיט אמונה.

נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (סוטה ל:): "בשעה שעלו ישראל מן הים נתנו עיניהם לומר שירה, וכיצד אמרו שירה? עולל מוטל על ברכי אמו ותינוק יונק משדי אמו; כיון שראו את השכינה, עולל הגביה צוארו, ותינוק שמט דד מפיו, ואמרו: 'זה אלי ואנוהו' שנאמר (תהלים ח, ג): מפי עוללים ויונקים יסדת עוז", די קליינע קינדער וואס האבן נאך נישט קיין שכל, האבן אויך געדאנקט דעם אייבערשטן, "רבי מאיר אומר, אפילו עוברים שבמעי אמן אמרו שירה", אפילו די קינדער וואס זענען נאך געווען במעי אמן האבן אויך געדאנקט דעם אייבערשטן; זעט מען אז אפילו א מענטש וואס איז נאך זייער ווייט פונעם אייבערשטן קען אויך צוקומען שביעי של פסח צו אזא גרויסע מדריגה, אז מען הייבט אן שפירן דעם אייבערשטן.

טייערער ברודער, שטארק זיך; אפילו דו שפירסט זיך ווייט פונעם אייבערשטן, דו טראכסט אז דו ביסט שוין פארפאלן וכו'; דו ווייסט נישט צי דו וועסט נאך זוכה זיין זיך ארויס צו זען פון דיינע מעשים, זאלסטו קוקן אויף יציאת מצרים. די אידן זענען געווען איינגעזינקען אין די מ"ט שערי

טוּמְאָה, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דָארְט אוּן זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת; דָאס גֵייט אָן בַּיי אוּנְז אוֹיךְ, יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ אַרוֹיס צוּ זֶען פוּן זַיין גָלוּת מִצְרַיִם, אוֹיב מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוּן מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

...

מִיר גֶעפִינֶען, וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט שִׁירָה אוּן מִרְיָם הַנְּבִיאָה הָאט גֶענוּמֶען אַ פּוֹיק (דְרָאם) אוּן אַלֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעפּוֹיקֶט מִיט פּוֹיקְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת טו, כ): "וַתִּקַּח מִרְיָם הַנְּבִיאָה אֲחוֹת אַהֲרֹן אֶת הַתֹּף בְּיָדָהּ וַתֵּצֶאןָ כָל הַנָּשִׁים אַחֲרֶיהָ בְּתֻפִּים וּבִמְחֹלֹת"; פוּן וואוּ הָאבְּן דִי פְרוֹיעֶן גֶעהַאט פּוֹיקְן? אִין מִדְבָּר אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעשֶׁעפְטְן וואוּ מֶען קֶען קוֹיפְן פּוֹיקְן, וִוי אַזוֹי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זֵיי פּוֹיקְן? זָאגְט רַשִׁ"י אַז דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה זֶענֶען גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים, הָאבְּן זֵיי מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ פוּן מִצְרַיִם מוּזִיקַאלִישֶׁע אִינְסְטְרוּמֶענְטְן צוּ קֶענֶען לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת דַארְפְן מִיר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זֵיי רַאטֶעוֶוען. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי צָרוֹת דַארְף מֶען אִים דַאנְקֶען דֶערוֹיף, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְגֶען שִׁירָה אוֹיף דִי אַלֶע נִיסִים. אַזוֹי דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

...

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא.

מִיר בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִי חֵדֶר אִין קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְרָא; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, ווער עֶס זֶעט דִי קִינְדֶער קֶען

אַבִּיסְל פַּארְשְׁטֵיין וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי סוֹטָה ה, ד), בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף הָאבְּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דִי זֵייגֶעדִיגֶע קִינְדֶער גֶעוִויזְן מִיט דִי פִּינְגֶער (שְׁמוֹת טו, ב): "זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ"; בַּיי דִיר אִין כִּתָּה הֶערְשְׁט אַזַא גִּלּוּי אֱלֹקוּת, דִי פִּיצְלֶעךְ שְׁרֵייעֶן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

...

אִיךְ הָאף אַז עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין דִי זַאךְ פַּארְוָואס מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן 'צַדִיק', דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר דִיר צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּצוּקוּמֶען צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס נָאר דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח ו, ז) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, לא): "וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ", דִי אִידְן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אִם בְּמֹשֶׁה הֶאֱמִינוּ - בַּה' לֹא כָּל שֶׁכֵּן", אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אֱמוּנָה אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! "אֶלָּא כָּל הַמַּאֲמִין בְּרוֹעֶה שֶׁל יִשְׂרָאֵל - כְּאִלּוּ מַאֲמִין בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם", נָאר דִי תּוֹרָה ווִיל אוּנְז וַוייזְן וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וַיַּאֲמִינוּ בַּה', עַיֵּין שָׁם.

...

שַׁבַּת שִׁירָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, מֶען לֵיינְט דִי שִׁירָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען אִיז אַרִיבֶּער דֶעם יַם סוּף. חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב.): "קָשֶׁה זִוּוּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף, וְקָשֶׁה פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף", וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים יַם סוּף הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוְואוּסְט וִוי אַזוֹי זֵיי גֵייעֶן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, וַוייל פוּן אֵיין זַייט זֶענֶען דִי מִצְרִיִּים גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעשָׁאסְן פַייְלְן, פוּן פָארְנְט אִיז דֶער גְרוֹיסֶער יַם, פוּן דִי זַייטְן אִיז אַ גְרוֹיסֶער מִדְבָּר מִיט חַיוֹת; אָבֶּער דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט דֶעם גְרוֹיסְן נֵס אַז דֶער יַם הָאט זִיךְ גֶעשְׁפָּאלְטְן אוּן דִי אִידְן זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם יַם סוּף.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל. זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וֶוען זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַז דֶער יַם סוּף זֵייעֶרְעֶר זָאל זִיךְ שְׁפַּאלְטְן אוּן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר זִיווּג, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט מִיט וֶועם עֶר וֶועט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין, וֶוען וֶועט עֶר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין, פוּן וואוּ וֶועט קוּמֶען זַיין יְשׁוּעָה? בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַ נֵס אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען הָאט חֲתוּנָה. הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ פְרִישֶׁער צָרָה, פוּן וואוּ וֶועט קוּמֶען מַיין פַּרְנָסָה? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן פַּרְנָסָה? ווִי לַאנְג דַארְף אִיךְ מִיךְ מוּטְשֶׁען פַאר פַּרְנָסָה? מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס, מֶען פְּרוּבִּירְט יֶענְץ, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַ נֵס אוּן עֶר שְׁפַּאלְט דֶעם יַם סוּף אוּן מֶען הָאט פַּרְנָסָה.

דֶערְפַאר אִיז דִי וָואךְ שַׁבָּת אַ גְרוֹיסֶער עֵת רָצוֹן, סֵיי פַאר שִׁידוּכִים אוּן סֵיי פַאר פַּרְנָסָה, וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אַז דָאס זָאל אוֹיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף אוּנְז שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

...

מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ דִי פַּרְשָׁה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם פוּן קְרִיאַת יַם סוּף, עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יג, יח): "וַחֲמֻשִׁים' עָלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם", זָאגְט רַשִׁ"י: "'וַחֲמֻשִׁים' – אֶחָד מֵחֲמִשָּׁה יָצְאוּ, וד' חֲלָקִים מֵתוּ בִּשְׁלֹשֶׁת יְמֵי אֲפֵלָה", אֵיינְס פוּן פִינְף זֶענֶען אַרוֹיס, דָאס הֵייסְט אַ פִיפְטְל; עֶס זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, וָואס אִיז נָאר אַ פִיפְטְל, אוּן צְוֵויי מִילְיָאן פִיר הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן אִין מִצְרַיִם, אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי מַכַּת חוֹשֶׁךְ וֶוען דִי מִצְרִיִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען, פַאר זֵיי הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן דִי אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען לֵצִים.

מֶען קֶען אַלֶעס אַוֶועק מַאכְן, אוּן מֶען קֶען פוּן אַלֶעס חוֹזֶק מַאכְן, אָבֶּער

גֶעדֶענְק גוט: וֶוען מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד טוּישְׁט זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר הָאט וַוייטֶער שְׁלוֹם בַּיִת, עֶר הָאט הֲנָאָה אַהֵיים צוּגֵיין צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ׳, וֶוער לַיידְט יָא? דֶער וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת, אוּן דֶער וָואס הֶערְט עֶס אוֹיס; וַוייל עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן קַיין עֵצוֹת פוּן דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד אוֹיף וֶועם עֶר הָאט גֶעהֶערְט לֵיצָנוּת.

...

## אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח

### הַפְטוֹרַת "עוֹד הַיּוֹם בְּנֹב לַעֲמֹד"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, מֵהַז׳ בֶּעטְלֶערְס): "עֶס אִיז דָא אַ בּוֹים וָואס אוּנְטֶער יֶענֶעם בּוֹים וואוֹינֶען אַלֶע סָארְט חַיּוֹת, אוֹיךְ אַלֶע פֵייגְלֶעךְ הָאבְּן זֵייעֶרֶע נֶעסְטְן אוֹיף יֶענֶעם בּוֹים, אוּן דֶער תַּעֲנוּג וָואס דָארְט אִיז דָא אִיז עַד אֵין שִׁיעוּר"; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען (יְשַׁעְיָהוּ יא, ו): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", דֶער וָואלְף מִיטְן לֶעמֶעלֶע דֶער לֶעמְפֶּערְט מִיטְן צִיגֶעלֶע וֶועלְן זִיצְן צוּזַאמֶען, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", אַ יוּנְגֶע קַאלְבּ מִיט אַ יוּנְגֶע לֵייבּ וֶועלְן גֵיין צוּזַאמֶען, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן", דֶער קוּה מִיטְן בֶּער וֶועלְן צוּזַאמֶען פַּאשֶׁענֶען, דֶער לֵייבּ וֶועט עֶסְן שְׁטְרוֹי צוּזַאמֶען מִיט דִי בְּהֵמוֹת, "וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה", קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט גִיפְטִיגֶע שְׁלַאנְג, "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי", קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְן צְוֵוייטְן, וַוייל עֶס וֶועט זַיין: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה׳, כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", אַלֶע וֶועלְן וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

דֶער בּוֹים – דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקוּן נב): "עֵץ דָא צַדִּיק", דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ בּוֹים; אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דִי מְרַגְּלִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן קוּקְן (בַּמִּדְבָּר יג, כ): "הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן", זָאגְט רַשִׁ"י

(שָׁם): "אִם יֵשׁ אָדָם כָּשֵׁר לְהָגֵן עֲלֵיהֶם", זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיב עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס קֶען מֵגֵן זַיין אוֹיף זֵיי; בַּיים צַדִיק אִיז דָא פְּלַאץ פַאר אַלֶעמֶען. וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ, קֶען מֶען זֶען וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, אַלֶע סָארְט חַיוֹת אוּן פֵייגְל, אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיפְן צְוֵוייטְן מִיט אַ בִּיטוּל, קֵיינֶער הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב) דֶער עִיקָר וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל פוּנֶעם צַדִיק אִיז שִׁפְלוּת; וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן אַ בּוּשָׁה, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְט אָן זֶען וָואס מֶען הָאט אַלְץ גֶעטוּן. דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים מִיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן זַיין שַׁיְיכוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל אוֹיב מֶען אִיז מְבַטֵל יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען שְׁפֶּעט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיטְן "אִיךְ"; "נָאר אִיךְ וֵוייס דֶעם אֱמֶת", "נָאר מִיר וֵוייסְן דֶעם אֱמֶת", "אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט בַּיים אֱמֶת" - אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם צַדִיק.

...

אַנְשְׁטָאט גֵיין רֶעדְן צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם, וָואס נִישְׁט נָאר עֶר קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן - אִיז וִוי אַזוֹי קֶען עֶר הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע? זָאלְסְטוּ גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, דֶערְצֵייל אִים דַיין לֶעבְּן, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע וֵוייטָאגְן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִיר אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס הִתְבּוֹדְדוּת אִיז, וִוי גֶעזוּנְט דָאס אִיז פַאר'ן מֶענְטְשׁ, וִוי עֶס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ - וָואלְטְן אַלֶע אָפְּגֶעלָאזְט דִי פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת, יֶעדֶער וָואלְט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט דֶעם; דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין יֶעדְן אֵיינֶעם; אַנְשְׁטָאט גֵיין בֶּעטְן טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן, אַנְשְׁטָאט רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן - וֶועט זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאשֶׁעפְטִיגְן נָאר מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי

עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה יא, ט): "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", דִּי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט זַיין פַארְנוּמֶען נָאר מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס קֶען מֶען שׁוֹין יֶעצְט זוֹכֶה זַיין, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קֵיינֶעם - נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ פַארְשְׁטֶעלְן דִי קִינְדֶער מִיט פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּן אַ לֵייבּ, אַ בֶּער - וְכַדוֹמֶה; אַזוֹי וֶועט דָאךְ זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה יא, ו-ז): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ", עֶס וֶועלְן וואוּינֶען אַ וָואלְף אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ בֶּער, "וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", אַ לֶעמְפֶּערְט וֶועט הוֹיעֶרְן מִיט אַ צִיג, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו", אַ קֶעלְבְּל, אַ יוּנְגֶע לֵייבּ מִיט אַ פֶּעטֶע אָקְס - וֶועלְן זַיין אִינְאֵיינֶעם, "וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", אַ קִינְד וֶועט זֵיי פִירְן אָן מוֹרָא הָאבְן, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה", אַ קוּ מִיט אַ בֶּער וֶועלְן זִיךְ פַּאשֶׁען; עֶס וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם; אֲפִילוּ צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן וֶועלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

דֶערִיבֶּער זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קָרְחָה הֲלָכָה ג, אוֹת כב) אַז מֶען פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ פּוּרִים וִוי אַרַאבֶּער אוּן וִוי אַנְדֶערֶע פֶּעלְקֶער, וַוייל פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, אַזוֹי וִוי עֶס וֶועט זַיין בַּיי דִי גְּאוּלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם, ט): "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", - דָאס קוּמְט שׁוֹין אַרָאפּ פּוּרִים.

...

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (נִדָּה לא.): "שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁיָּצְאוּ לִסְחוֹרָה", צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְן אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרָה דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן אִין אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה, "יָשַׁב לוֹ קוֹץ לְאַחַד מֵהֶן", גֵייעֶנְדִיג צוּם שִׁיף הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי צֶעבְּרָאכְן דִי פִיס אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף, דִי שִׁיף אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן מִיטְן אַנְדֶערְן שׁוּתָּף, מִיטְנֶעמֶענְדִיג אַלֶע סְחוֹרָה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם פוּס אִיז אוּנְטֶערְגֶעבְּלִיבְּן, "הִתְחִיל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף", הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְיָמִים שָׁמַע שֶׁטָּבְעָה סְפִינָתוֹ שֶׁל חֲבֵירוֹ בַּיָּם הִתְחִיל מוֹדֶה וּמְשַׁבֵּחַ", נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין וַואסֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָה יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי", אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעצֶערְנְט אוֹיף מִיר אוּן מִיר צֶעבְּרָאכְן מַיין פִּיס, "יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִ'י", וַוייל אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען; אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אֲפִילוּ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְטֶס.

רוֹב מַעֲשִׂיּוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, רוֹב מַעֲשִׂיּוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל הֶערְן אַז דֶער שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען, מֶען בְּלַייבְּט מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע פִּיס, מֶען בְּלַייבְּט מִיטְן פַארְשְׁפֶּעטִיגְן דִי שִׁיף; טַאקֶע דֶערְפַאר זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צֶעבְּרָאכְן, זֵיי פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת, אָבֶער אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אוֹיסְפִיר, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי פִּיס, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי שִׁיף, פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן דִי גֶעשֶׁעפְטְן; מֶען בְּלַייבְּט גֶעטְרֵיי.

...

## נְסִיעַת הַבַּעַל שֵׁם טוֹב

### מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה

[מיר ברענגען אראפ דא די מעשה ווי אזוי עס איז געדרוקט אין גליון היכל הקודש, תשואות חן להם].

דִי סְעוּדָה פוּן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה", אוּן אוֹיךְ "בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס סְעוּדָה", דָאס אִיז צוּלִיב דֶער נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִין דֶעם טָאג, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָּארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, אוּן דוּרְךְ דֶעם בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

**מען פירט זיך צו דערציילן די מעשה ביי די סעודה אחרון של פּסח, מיר וועלן עס דא אראפּברענגען לויט ווי מוהרא"ש האט דאס דערציילט, לויט ווי ער האט געהאט מקובל די מעשה פון די פריערדיגע דורות.**

מעזעביזש

עס איז באקאנט אז דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט זיך באזעצט אין דעם קליינעם שטעטל "מעזעביזש", דאס איז א טאקע א קליינע שטעטל אין אוקריינע אבער פון דעם קליינעם שטעטל איז ארויסגעקומען אזא לעכטיגקייט וואס האט באלאכטן די גאנצע וועלט.

דער בעל שם טוב האט אויסגעלערנט פאר יעדן איינעם איין זאך, אז אלעס איז אייבערשטער, און וואס מען דארף זאל מען נאר בעטן פונעם אייבערשטן, אלע פּראבלעמען וואס מען האט איז נאר ווי לאנג מען רעדט זיך איין אז מען קען זיך אליין אן עצה געבן אן דעם אייבערשטן.

ווי נאר א איד לערנט זיך אבער אויס און געדענקט אז אלעס פירט נאר דער אייבערשטער האט ער א גליקליך לעבן, ווייל ער איז קיינמאל נישט אליין, וואס ער דארף בעט ער פונעם אייבערשטן.

פארשטייט זיך אז עס האבן גלייך אנגעהויבן צו קומען אסאך אידן צום בעל שם טוב, יעדער וויל הערן פונעם אייבערשטן, און עס פלעגן קומען אלע סארט מענטשן סיי פשוטע אידן שוסטערס און שניידערס, און אזוי אויך תלמידי חכמים און חשובע אידן, יעדער איז זיך געקומען מיט זיין פעקל צרות צום בעל שם טוב און דער בעל שם טוב האט יעדן אויסגעלערנט אז עס איז נישטא קיין אנדערע עצה נאר צו גיין צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן די גאנצע הארץ מיט אלע צרות נאר פאר'ן אייבערשטן און דער אייבערשטער הערט יעדן אויס און ער העלפט יעדן.

דער עולם האט אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן און מען איז געהאלפן געווארן, און אזוי האט מען געזען אסאך גרויסע וואונדערליכע מופתים, און דער קליין שטעטל "מעזעביזש" געווארן ווי א מאגנעט וואס האט געצויגן צו זיך אסאך אידישע קינדער.

## די מִתְנַגְדִים

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פוּן די אַנְדֶערֶע זַייט הָאט נִשְׁט גֶעפֶעלְט קֵיין מִתְנַגְדִים וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אַזוֹי וִוי אֵייבִּיג וֶוען אַ צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס גוּטֶע זַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַלֶעמָאל דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי מִיר טְרֶעפְן שׁוֹין בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר די גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט די וֶועלְט, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְרָאבְּן קְוֶועלֶער וַואסֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען די פְּלִישְׁתִּים אוּן עֶס פַארְשְׁטָאפְּט, וָואס דָאס מֵיינְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט קְוֶועלֶער פוּן אֱמוּנָה אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען די פְּלִישְׁתִּים, די לֵיצִים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן זַייט דֶעמָאלְט חַזֶר'ט זִיךְ דָאס אִיבֶּער בַּיי יֶעדְן צַדִיק, אַלְץ זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף זֵיי.

## די וֶועגְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע וֶוערְן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף די וֶועלְט

אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן די וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין די וֶועלְט, כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוִוסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיפְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב, וִוי לְמָשָׁל דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זי"ע אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אָבֶּער זֵייעֶר מַחֲלוֹקֶת אִיז גֶעוֶוען לְשֵׁם שָׁמַיִם, נִשְׁט וִוי נִידֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט סְתַּם צוּ טְשֶׁעפֶּען, די צַדִיקִים הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דָאס אִיז אַ נֵייעֶ וֶועג, מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן די מְסוֹרָה אוּן מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אוֹיס נֵייעֶ גְרִינְגֶע וֶועגְן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן מִיט אִים, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן גֶעזָאגְט אַז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל אִיז נָאר אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַז וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

מען דערציילט אַז עס איז אַמאָל געקומען צום הייליגן בעל שם טוב אַ גרויסער גאון, און ער האָט געטענה'ט צום בעל שם טוב: "ווער האָט אייך אויסגעזאָגט דיין נייעם וועג, מיר האָבן אַלעמאָל געוואוסט אַז מען טאָר נישט זוכן קיין נייע וועגן מען דאַרף נאָר נאָכגיין די מסורה, ווי אַזוי קענט איר קומען מיט נייע זאַכן וואס מיר האָבן קיינמאָל נישט געהערט?!"

דער בעל שם טוב האָט אים געענטפערט אַז ער האָט נישט אויסגעטראָפן קיין שום נייע זאַכן, ער איז נאָר געקומען צוריק ברענגען די פּשוטע אמונה וואס איז פאַרגעסן געוואָרן במשך דעם שווערן גלות, "איך בין נאָר געקומען דערמאָנען פאַר אידישע קינדער אַז דער אייבערשטער פירט די וועלט און אַלעס איז דער אייבערשטער, אַלעס וואס טוט זיך אויף דער וועלט האָט דער אייבערשטער געמאַכט צו דערמאָנען אידן אַז זיי זאָלן צוריק קומען צו אים, און אפילו ווען דו הערסט אַ טמא'נער גוי רעדן, איז דאס אויך עפּעס אַ שליחות פונעם אייבערשטן, דער אייבערשטער האָט דיר מיט דעם געוואָלט עפּעס זאָגן".

ווען דער גאון האָט געהערט די ווערטער פונעם הייליגן בעל שם טוב איז ער אויפגעטאַנצן פון זיין פּלאַץ און געזאָגט: "חס ושלום! חס ושלום!" ווי אַזוי קענט איר זאָגן אַזאַ זאַך, אַז אַ טמא'נער גוי איז אַ שליח פונעם אייבערשטן?!

אין יענע מינוט האָט אַ גוי וואס פאַרריכט קליינע צעבראָכענע זאַכן אַריינגעקלאַפּט אויפ'ן טיר פון בעל שם טוב און געפרעגט: "אפשר איז דאָ עפּעס צו פאַרריכטן דאָ?", דער בעל שם טוב האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל "קענסט גיין, ביי מיר איז ברוך ה' אַלעס פאַרראַכטן, עס איז גאַרנישט דאָ צו פאַרריכטן דא", דער גוי איז אָבער נישט געווען צופרידן, ער האָט ווייטער געפרעגט: "אפשר איז דער טיש אַביסל צעבראָכן און איך קען עס פאַרריכטן?", זאָגט דער בעל שם טוב: "ניין, דער טיש איז ברוך ה' זייער גוט, עס איז גאַרנישט צעבראָכן", דער גוי פרעגט ווייטער: "אפשר איז דער בעט אַביסל צעבראָכן?", זאָגט דער בעל שם טוב: "ניין, דער בעט איז ברוך ה' אויך זייער פיין", דער גוי לאָזט

נישט אָפּ, ער פרעגט ווייטער: "אָבער דאך, קוק גוט איבער, אפשר איז דא עפּעס וואס מען דאַרף דא פאַררעכטן" דער בעל שם טוב ענטפערט אים ווייטער: "קענסט גיין, איך האָב שוין אַלעס איבערגעקוקט און אַלעס איז בָּרוּךְ ה' פאַרראַכטן אויפ'ן בעסטן אופן" דער גוי איז זיך אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט מיט עגמת נפש.

רופט זיך אָן דער בעל שם טוב צו דעם גאון וואס האָט מיטגעהאַלטן די גאַנצע מעשה: "איך דאנק און איך לויב דעם אייבערשטן וואס האָט מיר צוגעשיקט דעם גוי, ער איז דאך מיין מוסר ספר, ער איז מיר געקומען דערמאַנען אַז איך זאָל מיר נאָכאַמאָל גוט איבערטראַכטן אויב איך בין גוט, אויב איך פיר זיך אויף ווי עס דאַרף צו זיין, און איך האָב אים געענטפערט אַז ביי מיר איז בָּרוּךְ ה' אַלעס פאַרראַכטן, ער האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט, ער האָט נאָר געוואָלט איך זאָל גוט איבערקוקן אויב אַלעס איז טאַקע ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער בָּרוּךְ ה' איך בין אינגאַנצן פאַרראַכטן, עס פעלט מיר גאָרנישט".

דער בעל שם טוב האָט אויסגעפירט און געזאָגט צום גאון: "יעצט זעט איר דאך קלאָר אַז דער אייבערשטער קען שיקן אַ גוי פאַר אַ שליח מיך צו דערמאַנען תשובה צו טון!"

**דו קענסט, נאָר דו ווילסט נישט**

ווען דער גאון האָט געהערט די ווערטער פונעם בעל שם טוב איז ער געוואָרן זייער ברוגז און געזאָגט: "אַלעס קען איך נאך אָננעמען פון אייך, דאס וואס איר זאָגט אַז אַלעס איז דער אייבערשטער, און קיין שום זאך פאַסירט נישט אויף דער וועלט אָן דעם אייבערשטן, דאס וואס איר זאָגט אָבער אַז אפילו אַ טמא'נער גוי קען זיין אַ שליח פונעם אייבערשטן, דאס קען איך נישט אָננעמען!"

ענטפערט אים דער בעל שם טוב: "קענען, קענסטו דאס אָננעמען, נאָר דו ווילסט נישט; אויב וועסטו וועלן, וועסטו קענען!".

אויפ'ן וועג אַהיים שטעלט אַ גוי אָפּ דעם וואָגן פונעם גאון און זאָגט וויינענדיג: "אפשר קענט איר מיר קומען העלפן, מיין וואָגן מיט'ן פערד

האט זיך איבערגעדרייט, אלע פרוכט האבן זיך אויסגעגאסן, ביטע קומט מיר העלפן צוריק אויפצושטעלן דעם וואגן".

זאגט אים דער גאון: "דו זעסט נישט אז איך בין אן אלטער שוואכער מענטש? איך קען דיר נישט העלפן אויפהייבן א פערד און וואגן", דער גוי האט זיך אויפגערעגט און געשריגן: "קענען, קענסטו מיך העלפן, נאר דו ווילסט נישט העלפן!", ווען דער גאון האט געהערט די ווערטער האט ער געטראכט צו זיך, 'די זעלבע ווערטער האב איך דאך געהערט פונעם בעל שם טוב אפאר מינוט צוריק, יעצט הער איך דאך ממש א שליחות פון הימל דורך א גוי', ער איז געווארן זייער איבערגענומען, ער האט באשלאסן אז ער וועט ווארטן ביז עס קומט נאך א וואגן וואס וועט העלפן דעם גוי, און נאכדעם וועט ער גלייך צוריק פארן צום בעל שם טוב, ווייל יעצט האט אים דער אייבערשטער געזאגט דורך דעם גוי אז ער קען יא נאר ער וויל נישט, ממילא קען ער יא גלייבן דעם בעל שם טוב אז אלעס איז דער אייבערשטער.

ער איז צוריקגעפארן צום בעל שם טוב, דער בעל שם טוב האט שוין געווארט אויף אים אינדרויסן, און אים געזאגט מיט א שמייכל: "ביזט שוין מן הסתם אויך געוואויר געווארן וואס אסאך אנדערע האבן זיך שוין אויסגעלערנט אז אלעס פירט נאר דער אייבערשטער". דער גאון איז שוין דארט געבליבן לערנען ביים הייליגן בעל שם טוב און איז געווארן פון זיינע גרויסע תלמידים, און שפעטער אויך אויסגעלערנט פאר זיינע תלמידים אז אלעס איז דער אייבערשטער.

### די נסיעה קיין ארץ ישראל

דער הייליגער בעל שם טוב האט געזען דארט וואו ער האט געזען און ער האט פארשטאנען די גרויסקייט פונעם הייליגן צדיק דער אור החיים הקדוש, וואס איז געווען זייער גרויס, ער האט געהערט יעדע נאכט תורה פונעם אייבערשטן אליין, עס פלעגן קומען צו אים אסאך נשמות און ער האט געהאט א קלארע רוח הקודש.

דער בעל שם טוב האט גערעדט זייער גרויס פון אים, ער האט געזאגט אז זיין נשמה איז פון די רוח דאצילות פון דוד המלך און ער, דער בעל שם

טוב אַליין, קומט פון די נֶפֶש דְאַצִילוּת פון דָוִד הַמֶלֶךְ, דֶערְפַאר הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אִים טְרֶעפְן, וַוייל אַזוֹי וֶועלְן זֵיי צוּזַאמֶען קֶענֶען אוֹיךְ אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה דְאַצִילוּת פון דָוִד הַמֶלֶךְ און אַזוֹי אוֹיךְ דִי חַיָה און יְחִידָה דְאַצִילוּת, און אַזוֹי וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען און עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר מוּז פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִים צוּ טְרֶעפְן.

**דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אִיךְ קוּם אָן עֶרְגֶעץ אוֹיבְן אִין הִימְל, טְרֶעף אִיךְ שׁוֹין דָארְט דֶעם סְפַרְדִי" מֵיינֶענְדִיג מִיט דֶעם, דֶעם הֵיילִיגְן אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ.**

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צוּ זַיין שְׁוָואגֶער ר' גֶרְשׁוֹן קִיטֶעוֶוער זי"ע, וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז עֶר זָאל פְרֶעגְן דֶעם אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ אוֹיבּ עֶר זָאל פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ הָאט צוּרִיקְגֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס לוֹינְט נִישְׁט אַז עֶר זָאל קוּמֶען, וַוייל עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן בִּיז דֶער בְּרִיוו קוּמְט צוּרִיק, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג, און וֶוען דֶער בְּרִיוו אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעוֶוען אִינְמִיטְן וֶועג.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר מוּז זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר יֶעדֶע פְּרַייז, עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ זַיין טָאכְטֶער אָדְל מִיט זַיין סוֹפֵר רֶבִּי צְבִי ז"ל און זֵיי הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן פָארְן פון שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט פון דָארְף צוּ דָארְף בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אָדֶעס, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער בָּארְטְן פוּנֶעם שְׁוַוארְצְן יַם, פון דָארְט הָאבְן זֵיי גֶענוּמֶען אַ שִׁיף קַיין טֶערְקֵיי און זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אִינְסְטַאנְבּוּל מַמָשׁ פַאר פֶּסַח.

דָארְט אִין אִינְסְטַאנְבּוּל אִיז גֶעוֶוען אַן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז פון צְוֵויי שְׁטָאקְן, דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק אִיז גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט פַאר אָרִימֶעלַייט און אָרְחֵי פָּרְחֵי וָואס זֶענֶען דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, און אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען דִי חָשׁוּבֶע אִידְן מִיט עֲשִׁירִים.

דער בעל שם טוב איז דארט אנגעקומען פלוצלינג מיט זיין טאכטער און מיט זיין תלמוד דער סופר, קיינער האט זיי נישט געקענט, און אויך האבן זיי נישט געהאט קיין שום געלט מיט זיך, ווייל זיי האבן זיך זייער געיאגט ארויסצופארן און זיי האבן גארנישט מיטגענומען, זיי האבן זיך פארלאזט אויפ׳ן אייבערשטן, זיי וועלן שוין בעטן דעם אייבערשטן ווען זיי וועלן עפעס דארפן, און דערפאר האט מען זיי פלאצירט אין די אונטערשטע שטאק מיט די ארימעלייט.

דעם בעל שם טוב האט גארנישט אינטערעסירט, ער האט געוואוסט אז אלעס איז דער אייבערשטער, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל האבן אויף פסח צו מאכן, ער האט געגלייבט אז דער אייבערשטער וועט אים זיכער העלפן, ער איז געגאנגען אין בית המדרש לערנען און דאווענען, אבער פאר די טאכטער די צדיקת אדל האט דאס זייער געשטערט, ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין איין פרוטה צו קויפן זאכן פאר פסח, אפילו נישט קיין פרישע וועש לכבוד יום טוב.

עס איז שוין אנגעקומען א טאג פאר פסח, די צדיקת אדל האט גענומען די איין העמד פון איר טאטן און איז געגאנגען צום ים עס אויסצוּוואשן, אז דער בעל שם טוב זאל כאטש האבן א פרישע העמד אויף יום טוב, זי איז געזעסן ביים ים און געוואשן דעם העמד, און אין די זעלבע צייט געוויינט צום אייבערשטן אז זיי זאלן האבן עפעס אויף פסח, אינצווישן איז אנגעקומען א גרויסע ווינט און ארויסגעבלאזן די העמד פון איר הענט, אזוי אז אפילו א העמד האט זי שוין אויך נישט געהאט פאר איר טאטן, זי האט אנגעהויבן זייער וויינען און זיך בעטן ביים אייבערשטן: ״הייליגער באשעפער, מיר זענען דא אין א פרעמדע לאנד, מארגן איז שוין פסח און מיר האבן נאכנישט קיין מצות און וויין און אנדערע זאכן אויף יום טוב, און יעצט האב איך שוין פארלוירן די לעצטע העמד אויך, באשעפער העלף מיר!״

אזוי רעדנדיג צום אייבערשטן איז דורכגעפארן א וואגן מיט א פאר-פאלק, א מאן און א ווייב, און זיי זעען ווי א פרוי זיצט און וויינט, האבן זיי

אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן און אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער בִּיזְטוּ? און פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, און זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קֵיינֶעם דָא און זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, און זִי זִיצְט דָא און זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן.

דִי פָּאר-פָאלְק זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב און זֵיי הָאבְּן אִיר אַרוֹיף גֶערוּפְן אוֹיפְ'ן וָואגְן, זִי אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען, און זֵיי הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי דַארְף זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דַיין תְּפִלָּה, מִיר הָאבְּן צוּגֶעגְרֵייט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פַאר יוֹם טוֹב, עֶסְן און טְרִינְקֶען און נַייעֶ וֶועש און וָואס דוּ ווִילְסְט, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב", זֵיי הָאבְּן אִיר אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק פוּן דִי הַכְּנָסַת אוֹרְחִים, זֵיי הָאבְּן אִיר גֶעהָאלְפְן אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן אַלֶע זֵייעֶרֶע זַאכְן צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק צוּ זֵייעֶר שְׁטוּבּ, און זֵיי הָאבְּן צוּגֶעגְרֵייט אַ הֶערְלִיכֶע סֵדֶר טִישׁ ווִי עֶס פַּאסְט פַאר אַ קֶענִיג.

**דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מַאכְט מוֹפְתִים**

וֶוער אִיז גֶעוֶוען דִי פָּאר-פָאלְק? אִין דִי צַייט וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט מֶעזְעבִּיזְשׁ און עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע צָרָה וָואס מֶען קוּמְט אִים דֶערְצֵיילְן זָאגְט עֶר אַז מֶען זָאל נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, און מֶען זֶעט גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת בַּיי אִים, קְרַאנְקֶע וֶוערְן גֶעזוּנְט, אָרִימֶעלַייט בַּאקוּמֶען גֶעלְט, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער וֶוערְן גֶעהָאלְפְן, און אַזוֹי וַוייטֶער.

אִין דִי שְׁטָאט בֶּערְלִין, דִי הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ פָּאר-פָאלְק וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע פַּאלַאצְן און אַסַאךְ גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם

איבערשטן, זיי זענען אַרומגעלאָפן צו אַלע גרויסע דאָקטוירים קיינער האָט זיי אָבער נישט געקענט העלפן, אַלע דאָקטוירים האָבן זיי געזאָגט אַז עס איז נישט מעגליך זיי זאָלן האָבן קינדער, און זיי זאָלן פאַרגעסן דערפון, דאָס האָט זיי זייער געשטערט, זיי זענען געווען זייער טרויעריג.

איינמאָל האָט צו זיי אַריינגעקלאַפּט אַ איד נאָך צדקה, דער איד האָט געזען ווי די פּאָר-פאָלק זענען זייער טרויעריג האָט ער זיי געפרעגט: "פאַרוואָס זענט איר אַזוי טרויעריג? וואָס פעלט אייך דען? איר האָט דאָך אַזויפיל געלט און אַזעלכע מעכטיגע פּאַלאַצן?", האָבן זיי געענטפערט: "וואָס האָבן מיר פון די גאַנצע געלט, אין די צייט וואָס מיר האָבן נישט זוכה געווען צו האָבן קינדער, און עס איז בכלל נישט מעגליך אַז מיר זאָלן האָבן קינדער", האָט זיי דער גבאי צדקה געזאָגט: "איר זאָלט וויסן אַז אין די שטעטעלע מעזשביזש אין אוקריינע וואוינט אַ גרויסער צדיק וואָס איז נישט דאָ זיינ׳ס גלייכן אין די וועלט, ער הייסט רבי ישראל בעל שם טוב און ער מאַכט געוואַלדיגע מופתים, אַסאַך אידן זענען שוין געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער ביי אים, איך וואָלט אייך געראָטן איר זאָלט אַריבערפאָרן צו אים און בעטן אַ ברכה, ער האָט זיי שטאַרק צוגערעדט זיי זאָלן פאָרן, ער האָט זיי געזאָגט: "וואָס קענט איר דען פאַרלירן? כאַפּט אייך אַריבער און איר וועט געהאָלפן ווערן!"

זיי האָבן אָנגענומען זיינע ווערטער און זיי האָבן באַשלאָסן צו פאָרן צום בעל שם טוב, אַזוי ווי עס איז שוין אָבער געווען נאָנט צו פּסח, האָבן זיי זיך איינגעפּאַקט צו עסן פאַר אַ גאַנצע פּסח, מצות, וויין, פיש, און פלייש, און אַלעס גוטס, אַז אויב בלייבן זיי אינמיטן וועג אויף פּסח, זאָלן זיי נישט דאַרפן צוקומען צו מענטשן, נאָר פאַרקערט, זיי זאָלן נאָך קענען געבן פאַר אַנדערע, און אַזוי האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן וועג קיין מעזשביזש.

נאָך אַ לאַנגע שווערע רייזע זענען זיי אָנגעקומען קיין מעזשביזש, זיי האָבן זיך גלייך נאָכגעפרעגט ווי דער בעל שם טוב וואוינט, מען האָט זיי אָבער געזאָגט אַז דער בעל שם טוב איז די וואָך אַוועקגעפאָרן פון מעזשביזש אויפ׳ן וועג קיין ארץ ישראל, און מען האָט זיי געוויזן דער וועג

וואו דער בַּעַל שֵׁם טוֹב איז געפָארן, האבן זיי געטראכט אזוי ווי זיי זענען שוין סיי ווי געפארן אזא לאנגע וועג ביז דא צו באקומען א בְּרָכָה פונעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וועלן זיי שוין ווייטער נאכפארן דעם בַּעַל שֵׁם טוֹב כְּדֵי אים צו כאפן און באקומען פון אים א בְּרָכָה אויף קינדער.

זיי האבן אנגעהויבן פארן פון דארף צו דארף און פון שטאט צו שטאט, וואו זיי זענען אבער נאר אנגעקומען האט מען זיי געזאגט אז דער בַּעַל שֵׁם טוֹב איז יעצט דא געווען און ער איז מַמָּשׁ יעצט אוועקגעפארן, לויפט אים נאך וועט איר אים אֶפְשָׁר נאך כאפן. זענען זיי אזוי נאכגעפארן דעם בַּעַל שֵׁם טוֹב א גאנצן צייט ביז זיי זענען אנגעקומען קיין אדעס צום יַם, און דארט האט מען זיי געזאגט אז דער בַּעַל שֵׁם טוֹב איז יעצט ארויסגעפארן מיט א שיף קיין טערקיי, זענען זיי גלייך אויך ארויפגעגאנגען אויף א שיף מיט אלע זייערע פעקלעך אויף פֶּסַח, זיי זענען געפארן קיין טערקיי, און זענען אנגעקומען קיין איסטאנבול, זיי זענען גלייך צוגעפארן צו די הַכְנָסַת אוֹרְחִים און זיי האבן גענומען א שטוב אויף די אויבערשטע שטאק ווי די עֲשִׁירִים שטייען איין און האבן זיך צוגעגרייט אויף פֶּסַח.

זיי האבן זיך אנגעהויבן נאכפרעגן וואו דער בַּעַל שֵׁם טוֹב איז, קיינער האט אבער נישט געוואוסט ווער דאס איז, זיי זענען געגאנגען צווישן די אָרִימעלייט און זיך נאכגעפרעגט אויב איינער האט געזען א אַשְׁכְּנַזִּי'שער חָכָם פון אויסלאנד אבער קיינער האט זיי נישט געקענט העלפן. ווען עס איז אנגעקומען עֶרֶב פֶּסַח, זיי זענען שוין גרייט צום יוֹם טוֹב, האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויף א שפאציר אין שטאט, אֶפְשָׁר דאך וועלן זיי געוואויר ווערן וואו דער בַּעַל שֵׁם טוֹב געפונט זיך, עס קען דאך נישט זיין אז קיינער ווייסט נישט וואו ער איז, און אזוי זענען זיי אנגעקומען צום בארטן פון יַם און דארט געטראפן א פרוי ווײנען, און זי דערציילט זיי אז זי איז א טאכטער פון בַּעַל שֵׁם טוֹב, דערפאר זענען זיי געווארן זייער פריילעך און האבן איר איינגעלאדענט זי זאל קומען צו זיי אויף פֶּסַח מיט איר היילעגן טאטן.

**די סֵדֶר נאכט אין איסטאנבול**

אָדֶל, די טאכטער פונעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אֲפִילוּ זי האט געוויינט אז זי

האט נישט אויף פֶּסַח, האט זי אָבער געגלייבט אַז דער אייבערשטער וועט זיכער העלפן, זי האט נאר נישט געוואוסט ווי אַזוי, אָבער דער אייבערשטער האט געהאלפן אַז זי האט געטראפן די פּאר-פאלק וואס האט זיי אַריין גענומען אויף פֶּסַח.

דער בַּעַל שֵׁם טוֹב איז ווייטער געווען אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, ער האט זיך בִּכְלַל נישט געזארגט, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן, און ער האט געגלייבט אַז דער אייבערשטער וועט אים זיכער העלפן, ער איז געבליבן אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צו מִנְחָה און דערנאך צו מַעֲרִיב.

נאכ'ן דאווענען האט שוין זיין טאכטער אים אָפּגעוואַרט אינדרויסן, און אים גלייך געפירט צו די אויבערשטע שטאק אין די הַכְנָסַת אוֹרְחִים וואו עס איז שוין געווען צוגעגרייט אַ הערליכע סֵדֶר טיש, און אַלע האבן שוין געוואַרט אויפ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב, דער בַּעַל שֵׁם טוֹב האט גארנישט געפרעגט נאר ער האט זיך גלייך געזעצט אויבן אָן און אָנגעהויבן פירן דעם סֵדֶר מיט גרויס פרייד, ער האט געזאגט די הַגָּדָה, און אויך געזאגט אַסאך תּוֹרָה וואס דאס האט גענומען אַ לאנגע צייט.

ווען מען איז אָנגעקומען צו שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, האט דער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנגעהויבן עסן די סְעוּדָה מיט גרויס פרייד, און דעמאלט האט ער זיך אויסגעדרייט צו די פּאר-פאלק און זיי געזאגט: "איך ווייס אַז איר זענט געקומען דא ווייל איר האט נישט קיין קינדער, דערפאר וואונטש איך אייך אָן אַז אין דעם זְכוּת וואס איר האט מיר צוגעשטעלט אויף יוֹם טוֹב וועט איר געהאלפן ווערן מיט אַ קינד!"

גלייך ווען דער בַּעַל שֵׁם טוֹב האט אַרויסגעזאגט די ווערטער איז ער געווארן ווייס ווי די וואנט, ער האט אַראפּגעלייגט זיין קאפּ פאר אַ שטיק צייט ביז ער איז פּלוצלינג אויפגעשפרונגען פון פּלאץ מיט פרייד און אויסגערופן: "וועל איך דינען דעם אייבערשטן אָן עוֹלָם הַבָּא!", און ער האט אָנגעהויבן טאנצן מיט גרויס פרייד.

זיין טאכטער אָדל האט שפּעטער געזאגט די פְּשַׁט דערפון, אַז אַזוי ווי די פּאר-פאלק האט נישט געקענט האבן קיין קינדער, און ווען דער בַּעַל שֵׁם

טוֹב הָאט זֵיי אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ קִינְד הָאט גֶעמוּזְט גֶעשֶׁען אַ גְרוֹיסֶע נֵס אַרוֹיס פוּן דֶרֶךְ הַטֶבַע, דֶערְפַאר הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט פַארְלוֹירְן זַיין עוֹלָם הַבָּא, וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן פַאר פְרֵייד אַז עֶר גֵייט שׁוֹין יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, נָאר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אָבֶּער אַז אִין דֶעם זְכוּת הָאט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא אוּן נָאךְ מֶער.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן וַוייטֶער גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הַלֵל הַגָּדוֹל.

### לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ", הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּ׳חַזֶרְ׳ן דֶעם פָּסוּק אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ וֵויינֶענְדִיגֶע קוֹל, עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דֶעם פָּסוּק אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט אַ בֶּעטֶענְדִיגֶע וֵויינֶענְדִיגֶע נִיגוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז דֶער עוֹשֶׁר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן אוֹיךְ זַיין וַוייבּ, נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר אוֹיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן נָאכְדֶעם דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעבְּט אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף, עֶר זִינְגְט אִיבֶּער דֶעם פָּסוּק נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

### דֶער סוּלְטַאן פוּן טֶערְקֵיי

דֶער סוּלְטַאן, דָאס מֵיינְט דֶער קֶענִיג, פוּן טֶערְקֵיי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטֶער קֶענִיג, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פוּן צַייט צוּ צַייט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין פַּאלַאץ פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעזֶען וָואס עֶס פֶעלְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן, פַאר אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט גֶעלְט, פַאר אֵיינֶעם אַ דָאקְטֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן וואוּ עֶר וֵוייסְט וָואס עֶס פֶעלְט פַאר יֶעדְן.

ער האט זיך אזוי געפירט יארן לאנג, ביז איינמאל ווען ער איז אזוי ארום געגאנגען פארשטעלטערהייט האבן אים רויבערס געכאפּט, זיי האבן נישט געוואוסט אז ער איז דער קעניג, זיי האבן אים סתם אזוי געכאפּט און צוגענומען זיין געלט, און דערנאך האבן זיי אים געוואלט הרג׳ענען.

דער קעניג האט זיך געוואונדן צו זיי און געזאגט: ״עס איז א שאד אז איר זאלט מיר הרג׳ענען ווייל איר קענט מאכן פון מיר אסאך געלט, איך בין א גרויסער מומחה אין מאכן טעפּיכער (קארפּעטס), איך קען מאכן זייער שיינע טעפּיכער, און די טעפּיכער קענט איר פארקויפן און פון דעם מאכן אסאך געלט״, דער פּלאן איז געפאלן פאר די רויבערס און זיי האבן אים געטראגן צו זייער באהעלטעניש און אים געברענגט די זאכן וואס ער האט געדארפט דערפאר, און ער האט אנגעהויבן מאכן טעפּיכער.

אינצווישן איז געווארן א גרויסע טומל אין שטאט אז דער קעניג איז פארלוירן, מען האט אים ארום געזוכט, מען האט אים אבער נישט געקענט טרעפן, ווי דער ערד וואלט אים איינגעשלינגען.

ווען דער קעניג האט געענדיגט מאכן דעם ערשטן טעפּיך, האט ער אונטערגעשריבן אין דער זייט די ערשטע אות פון זיין נאמען, ער האט גערופן די רויבערס און זיי געזאגט: ״נעמט דעם טעפּיך און גייט צו דעם אידישן וויין סוחר און איר זאלט עס אים פארקויפן נאר פאר גאר טייער געלט, איר זאלט נישט מסכים זיין עס צו פארקויפן פאר א ביליגערע פּרייז בשום אופן.

דער מענטש צו וועם דער קעניג האט געשיקט איז געווען א איד וואס האט געהאנדלט מיט וויין, ער פלעגט צושטעלן די וויין פאר׳ן קעניג׳ס פּאלאץ, און ער איז געווען זייער גוט מיט׳ן קעניג.

די רויבער זענען ארויס מיט דעם טעפּיך, זיי האבן עס פּרובירט צו פארקויפן קודם אויף אנדערע פּלעצער אבער קיינער האט עס נישט געוואלט אפּקויפן פאר אזא טייערע פּרייז, עס איז נישט ווערד געווען אזויפיל, ביז זיי זענען אנגעקומען צו דעם וויין סוחר און האבן אים אנגעטראגן צו קויפן דעם טעפּיך פאר טייער געלט, דער סוחר האט זיך זייער געוואונדערט

פאַרוואס זיי בעטן אַזוי סאַך געלט, ער האט באַטראַכט דעם טעפּיך און באַמערקט ווי אין די זייט איז אונטערגעשריבן די ערשטע אות פונעם קעניג׳ס נאָמען, ער האָט שוין געהאט געהערט אַז דער קעניג איז פאַרלוירן, איז אים איינגעפאַלן אפשר האָט דער טעפּיך עפּעס צו טון מיט דעם, ער האָט געזאָגט פאַר די רויבער: "איך זע אַז דאָס איז זייער אַ גוטע טעפּיך און איך בין גרייט עס אָפּצוקויפן פאַר טייער געלט, און איך וויל אַז איר זאָלט מיר ברענגען נאָך אַסאַך פון די סאָרט טעפּיכער.

די רויבערס זענען צוריקגעגאַנגען צו זייער געפאַנגענעם, דער קעניג, און אים דערציילט אַז זיי האָבן מצליח געווען, דער ווייַן סוחר האָט עס אָפּגעקויפט פאַר טייער געלט און ער דאַרף נאָך פון די סאָרט, דער קעניג האָט זיך געפריידט און אָנגעהויבן מאכן נאָך אַסאַך פון די טעפּיכער און יעדעס מאָל האָט ער אַריין געשריבן נאָך איין אות פון זיין נאָמען.

עס איז נישט אַריבער אַ לאַנגע צייט און דער ווייַן סוחר האָט געכאַפּט וואָס דאָ גייט פאָר אַז דער קעניג איז געפאַנגען ביי די מענטשן וואָס קומען אים פאַרקויפן די טעפּיכער, ער האָט עס שנעל איבערגעגעבן פאַר די פּאָליציי און זיי זענען שטילערהייט נאָכגעגאַנגען די רויבער ביז מען האָט געכאַפּט זייער באַהעלטעניש און דאָרט האָבן זיי געטראָפן דעם קעניג און אים באַפרייט.

גלייך נאָכדעם האָט דער קעניג געלאָזט רופן דעם ווייַן סוחר און זיך זייער שטאַרק באַדאַנקט פאַר אים פאַר׳ן ראַטעווען זיין לעבן, און אים געפרעגט: "זאָג מיר וואָס איך קען דיר באַצאָלן פאַר די גרויסע טובה וואָס דו האָסט מיר געטון אַז דו האָסט געראַטעוועט מיין לעבן?"

דער ווייַן סוחר האָט געענטפערט פאַר׳ן קעניג: "איך דאַרף גאָרנישט, איך האָב ברוך ה׳ פון אַלעם גוטן, איין טובה וויל איך נאָר בעטן פונעם קעניג אַז איך זאָל באַקומען אַ "רשות-צעטל" אַז ווען איך וויל זאָל איך קענען אַריינקומען אין קעניג׳ס פּאַלאַץ, איך וועל קיינמאָל נישט דאַרפן זיך איינמעלדן פון פאָראויס".

דער קעניג האָט מסכים געווען און אים געגעבן אַ צעטל אַז ער און זיינע

קִינְדֶער בִּיז אַלֶע דוֹרוֹת קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְקוּמֶען אִין פַּאלַאץ, אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס דֶער קֶענִיג וֶועט שְׁטַארְבְּן, וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ, וֶוען זֵיי ווִילְן בַּייטָאג צִי בַּיינַאכְט.

יָארְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן זַיין זוּן הָאט אִים אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, דֶער וַויין סוֹחֵר אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן זַיין זוּן הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי וַויין גֶעשֶׁעפְט אוּן אוֹיךְ דִי רְשׁוּת צֶעטְל פוּנֶעם קֶענִיג אַרַיינְצוּגֵיין וֶוען עֶר ווִיל אִין קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ.

דֶער נֵייעֶר קֶענִיג הָאט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַזוֹי נָאנְט מִיט דֶעם נֵייעֶם וַויין סוֹחֵר אָבֶּער דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג הָאט זִיךְ יָא נָאנְט גֶעהַאלְטְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר וָואס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט אִיר מַאן.

**פַארְטְרַייבְּן דִי אִידְן**

דֶער נֵייעֶר קֶענִיג הָאט גֶעהַאט אַן עֵצָה-גֶעבֶּער אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע וָואס הָאט זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט אִידְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְרִיסְט, אָבֶּער אַזוֹי ווִי אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן אִין טֶערְקֵיי גֶעווֹאוֹינְט נָאר מוּסוּלִימֶענֶער, אוּן דִי מוּסוּלִימֶענֶער הָאבְּן פַיינְט דִי קְרִיסְטְן, דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ דֶער רַאטְגֶעבֶּער פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַ מוּסוּלִימֶענֶער, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ קְרִיסְט.

דֶער רַאטְגֶעבֶּער פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְרֶעדְן דֶעם קֶענִיג קֶעגְן אִידְן, בִּיז זַיינֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִינֶעם קֶענִיג׳ס קָאפּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַיינְט הָאבְּן אִידְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע אִידְן פוּן אִינְסְטַאנְבּוּל, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז זֵיי גֵייעֶן דָאס טוּן אִינֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי, מֶען וֶועט פְּלוּצְלִינְג אוֹיסְרוּפְן אַז אַלֶע אִידְן מוּזְן שׁוֹין פַארְלָאזְן אִינְסְטַאנְבּוּל אוּן אִיבֶּערְלָאזְן נָאךְ זִיךְ זֵייעֶר גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, וֶוער עֶס וֶועט נִישְׁט פָאלְגְן וֶועט מֶען הַרְגֶ׳עֶנֶען. דֶער רַאטְגֶעבֶּער מִיטְ׳ן קֶענִיג הָאבְּן זִיךְ דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן נָאר זֵיי צְוֵויי הָאבְּן גֶעווּאוּסְט פוּן דֶעם.

**דֶער חָלוֹם פֶּסַח בַּיינַאכְט**

יֶענֶעם סֵדֶר נַאכְט, אַ נַאכְט פַאר מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִּירְן דִי

בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, דֶער זוּן פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר גֵייט שְׁלָאפְן נָאכְ׳ן סֵדֶר, אוּן עֶר חָלוֹמְ׳ט וִוי זַיין טַאטֶע קוּמְט צוּ אִים אוּן זָאגְט אִים: "מֵיין קִינְד, זָאלְסְט וִויסְן אַז עֶס הֶענְגְט אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה אוֹיף דִי שְׁטָאט, דֶער קֶענִיג וִויל מָארְגְן אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע אִידְן, גֵיי שְׁנֶעל נֶעם דֶעם רְשׁוּת צֶעטְל וָואס דוּ הָאסְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ, לוֹיף שְׁנֶעל צוּם פַּאלַאץ, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג, אוּן דֶערְצֵייל אִיר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן צוּזַאמֶען מִיט אִיר זָאלְט אִיר גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל אָפְּרוּפְן דִי גְזֵירָה, זָאלְסְט זָאגְן פַּארְ׳ן קֶענִיג עֶר זָאל וִויסְן אַז זַיין רַאטְגֶעבֶּער מֵיינְט גָארְנִישְׁט זַיין טוֹבָה, וַוייל עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט, אוּן אוֹיב וֶועט עֶר שִׁיקְן סָאלְדַאטְן יֶעצְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט צוּ דֶעם רַאטְגֶעבֶּער וֶועט מֶען זֶען וִוי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ גְרוֹיסְן צְלָם הֶעכֶער זַיין קָאפּ.

דֶער זוּן פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, ׳עֶס אִיז דָאךְ נָאר אַ חָלוֹם׳, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען גֶעשְׁלָאפְן, וֶוען דֶער חָלוֹם הָאט זִיךְ אָבֶּער אִיבֶּערְגֶע׳חַזְרְ׳ט אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ גֵיין צוּם קֶענִיג.

גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רְשׁוּת צֶעטְל אוּן אִיז גֶעלָאפְן צוּם קֶענִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּם פַּאלַאץ אִיז עֶר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן עֶר הֶערְט אַרוֹיס פוּן פֶּענְסְטֶער וִוי אֵיינֶער זִינְגְט מִיט אַ וֵויינֶענְדִיגֶע קוֹל דֶעם פָּסוּק "לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ" אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער סוֹחֵר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳וֶוען דֶער אִיד זָאל וִויסְן וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים מִיר דַארְפְן יֶעצְט, וָואלְט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט אַזוֹי אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען׳, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם פַּאלַאץ.

דִי רְשׁוּת צֶעטְל וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעְרְן, צוּם עֶרְשְׁט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג, אַזוֹי וִוי זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעהֵייסְן, עֶר הָאט אִיר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף אוּן גֶעוֵויינְט פַּאר אִיר זִי זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי אִידְן, עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם.

זִי, דִי מַאמֶע, וָואס הָאט שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה גֶעוֶוען פַאר דֶעם וַויין

סוחר, האט אים צוגעזאָגט אַז זי וועט גיין מיט אים צום קעניג און אים בעטן מבטל צו זיין די שלעכטע גזירה.

צוזאַמען זענען זיי געגאַנגען צום קעניג און אים אויפגעוועקט, די מאַמע האט זיך געבעטן ביי אים אַז ער זאָל אָפּרופן די גזירה, דער איד, דער ווין סוחר, האט נאָך צוגעלייגט און געזאָגט צום קעניג: "דער ראַטגעבער וואס האט דיר איינגערעדט אַז די אידן זענען נישט גוט איז גאַרנישט קיין מוסולימענער, ער איז אַ באַהאַלטענער קריסט און אויב דו וועסט יעצט שיקן מיליטער צו זיין הויז וועט מען זען ווי ער שלאָפט מיט אַ גרויסע צלם העכער זיך".

דאָס האט שוין זייער אויפגערעגט דעם קעניג, "דער ראַטגעבער אויף וועמען ער האט זיך אַזוי שטאַרק פאַרלאָזט איז גאָר אַ באַהאַלטענער קריסט?!" ער האט גלייך געשיקט סאָלדאטן צו דעם ראַטגעבער'ס הויז צו זען אויב עס איז אמת, און ווען די סאָלדאַטן זענען אָנגעקומען צו זיין הויז האבן זיי טאַקע געזען ווי ער שלאָפט מיט אַ צלם, דאָס האט זיי אַזוי שטאַרק אויפגערעגט, ווייל די מוסולימענער האבן זייער פיינט די קריסטן, אַז זיי האבן אים גלייך אַראָפּגעהאקט דעם קאָפּ נאָך אינמיטן שלאָף, פאַרשטייט זיך אַז די גזירה איז גלייך בטל געוואָרן, און דער ווין סוחר איז צוריק אַהיים געגאַנגען פריילעכערהייט.

אויפ'ן וועג אַהיים איז ער נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען די הכנסת אורחים און ער הערט ווי דער איד זינגט נאָכאַלץ דעם פּסוק "לעושה נפלאות גדולות לבדו", דאָס מאָל אָבער מיט אַ פריילעכער ניגון, עס איז אים געווען אינטערעסאַנט די גאַנצע זאַך, און ער האט זיך ווייטער אַהיימשפּאַצירט.

פּסח אינדערפרי, ווען מען איז געגאַנגען אין שול, איז דער ווין סוחר אַרויף אויפ'ן בימה און געבעטן רשות צו זאָגן עטליכע ווערטער, ער האט דערציילט די גרויסע נס וואס דער אייבערשטער האט מיט זיי געטון די נאַכט, און ער האט אויך צוגעלייגט אַן אינטערעסאַנטע זאַך וואס ער האט געהערט ווי אַ איד זינגט קודם דעם פּסוק "לעושה נפלאות גדולות לבדו" מיט אַ וויינענדיגע ניגון און דערנאָך מיט אַ לעבעדיגע ניגון.

ווען מען האט זיך נאכגעפרעגט איז מען געוואויר געווארן אז דאס איז געווען דער היילִיגער בעל שם טוב, און אזוי איז זיין הייליגע נאמען פארשפרייט געווארן ביי די אידן אין אינסטאנבול.

## אַ שְׁטורֶעם ווינט אויפן ים

נאך די ערשטע טעג יום טוב האט די פּאר־פּאלק זיך געזעגנט פונעם בעל שם טוב, זיי האבן אים געפרעגט: "מיט וואס קענען מיר אייך באצאלן פאר די ברכה וואס איר האט אונז אנגעוואונטשן מיר זאלן זוכה זיין צו האבן קינדער?" דער בעל שם טוב האט זיי געזאגט אז ער דארף גארנישט, נאר אז זיי זאלן אים קויפן דריי בילעטן פאר א שיף צו ארץ ישראל, זיי האבן זיך געפריידט דאס צו טון און זיי האבן געטראפן א שיף וואס פארט אין חול המועד צו די שטאט יפו אין ארץ ישראל, זיי האבן גלייך געדונגען דריי פלעצער, פאר'ן הייליגן בעל שם טוב, פאר זיין טאכטער אדל און פאר דעם סופר רבי צבי.

חול המועד זענען זיי דריי ארויף אויפ'ן שיף און אנגעהויבן פארן אויפ'ן וועג צו ארץ ישראל, אינמיטן וועג האט דער ים אנגעהויבן זיך ווארפן און שטורעמען, עס איז געווארן א געפערליכע שטורעם ווינט און עס האט אויסגעזען אז די שיף וועט זיך צעברעכן און אלע וועלן אריינפאלן אין ים, דער קאפיטאן האט געהייסן פאר יעדן אריינצווארפן אלע פעקלעך אין ים, גרינגער צו מאכן דעם שיף, עס האט אבער גארנישט געהאלפן, די שיף האט געהאלטן ביים איינזינקען.

דער בעל שם טוב האט געוואוסט אז דער שטורעם ווינט איז צוליב אים, און אז ער האט צוויי ברירות, אדער אריינצוווארפן אין ים זיינע הייליגע שריפטן וואס ער האט געהאט מיט זיך, (טייל זאגן אז דאס איז געווען דער ספר תהלים געשריבן דורך דוד המלך אליין, און אנדערע זאגן אז דאס איז געווען געשריבענע תורות וואס דער בעל שם טוב האט באקומען פון א באהאלטענעם צדיק רבי אדם בעל שם) אדער דארף זיין טאכטער אדל אריינפאלן אין ים.

דער בעל שם טוב האט ענדערש געוואלט טון די צווייטע וועג, ווייל ער

האט געוואוסט אַז זיין טאָכטער אָדל די צַדֵיקֶת וועט זיכער געראַטעוועט ווערן, און אֶפְשָׁר אַזוי וועט ער קענען אָנקומען קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבער אָדל האט אים געזאָגט אַז ער זאָל ענדערש אַריינוואַרפן די הייליגע סְפָרִים וואס ער האט מיט זיך, ווייל פון איר וועט אַרויסקומען אַ קינד וואס וועט שרייבן שענערע און בעסערע סְפָרִים פון דעם, דער בַּעַל שֵׁם טוב האט טאַקע אַזוי געטון ער האט אַריינגעוואָרפן די הייליגע שריפטן, און דער יַם האט זיך אָפּגעשטילט, דאס האט פּאַסירט אום שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח, דעמאָלט זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערע טויט.

דער קינד פון וואס אָדל האט גערעדט, האט זי געמיינט מיט דעם דער הייליגער רבי, ווייל ווי באַקאַנט האט אָדל געהאט צְוֵויי זון און איין טאָכטער, די צְוֵויי זון זענען געווען די צַדִיקִים הָרַב הַקָּדוֹשׁ דער רבי רבי בָּרוּךְ פון מעזעביזש זי״ע און הָרַב הַקָּדוֹשׁ דער רבי רבי אֶפְרַיִם פון סְדִילְקוֹב זי״ע, דער בַּעַל דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם. זיי ביידע האבן נישט איבער געלאָזט צופיל סְפָרִים, אָבער די טאָכטער פֵיגָא האט געבוירן דעם הייליגן רבי׳ן וואס האט איבער געלאָזט אַסאַך סְפָרִים, וואונדערליכע סְפָרִים, וואס ביז היינט זענען זיך נאָך אַלע אידן מְחַיֶה מיט דעם, און דאס האט אָדל געמיינט, און דערפאַר פירן זיך אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ברעסלב׳ע חֲסִידִים צו מאַכן אַ גרויסע סְעוּדָה אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, ווייל דעמאָלט איז די צַדֵיקֶת אָדל געראַטעוועט געוואָרן און דורך דעם איז דער הייליגער רבי געבוירן געוואָרן.

**געפאַנגען בַּיי די רויבער**

די שטורעם ווינט האט זיך טאַקע אָפּגעשטילט, אָבער די שִׁיף איז פאַרשלעפּט געוואָרן ערגעץ וואו בַּיי אַ באָרטן פון אַן אינזל, דאָרט אויפ׳ן אינזל האבן געוואוינט רויבער וואס זענען געווען מענטשן-פרעסער, אַזוי ווי די רויבערס האבן געזען ווי אַ שִׁיף איז דאָרט אָנגעקומען, זענען זיי גלייך אַרויף אויפ׳ן שִׁיף און געכאַפּט אַלע מענטשן, געבינדען הענט און פיס, און גלייך זיך גענומען אויסשאַרפן די מעסערס צו שֶׁחְט׳ן די מענטשן און זיי אויפעסן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דער בַּעַל שֵׁם טוב איז געליגן אויף דער ערד געבינדען הענט און פיס

נֶעבְּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען, רֶבִּי צְבִי פְּרֶעגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי וָואס טוּעֶן מִיר דָא? וִוי אַזוֹי גֵייעֶן מִיר אַרוֹיס פוּן דָא?", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, אֶפְשָׁר גֶעדֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?", רֶבִּי צְבִי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ גֶעדֶענְק אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, נָאר דִי אַלֶף-בֵּית גֶעדֶענְק אִיךְ", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעזָאגְט: "זֵייעֶר גוּט, הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן דִי אַלֶף-בֵּית", רֶבִּי צְבִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נָאכְגֶעזָאגְט יֶעדֶע אוֹת.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי אַלֶף-בֵּית הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּרִיק אַלֶעס דֶערְמַאנְט, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט גֶעהֶערְט הוֹיךְ פַּייפְן פוּן שִׁיפְן וָואס קוּמֶען צוּ שְׁווִימֶען, אָדֶער פַּייפְן פוּן רַייטֶערְס וָואס קוּמֶען צוּ פָארְן, וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן-פְרֶעסֶער הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זַיי צוּם צְוֵוייטְן מָאל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן טוֹיט.

### דֶער סוֹד פוּן דִי אוֹתִיוֹת

מוֹהַרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי אוֹתִיוֹת, וַוייל אַלֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען דָאךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט פוּן אוֹתִיוֹת, אוּן דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען זָאל רֶעדְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

אוּן אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען נוּצְן דִי אוֹתִיוֹת צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט לוֹיט דִי אַלֶף-בֵּית, לְמָשָׁל: א - אוֹיגְן, מֶען זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, דִי אוֹיגְן זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן, אֱמוּנָה - מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוֹרְחִים - מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים, ב' - בָּנִים, מֶען זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, ג' - גֶעלְט מֶען זָאל הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט גְרִינְגֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעט יֶעדֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף לוֹיט דִי א-ב.

**צוּרִיק אַהֵיים**

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶען וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְט הָאט נָאר פַּאסִירְט וֶועגְן אִים, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט צוּרִיק אַהֵיים פָאְרן, זֶעט אוֹיס אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט, עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט עֲקְשְׁנ׳ֶען יֶעצְט צוּ גֵיין קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען צוּרִיק אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן שִׁיף, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְט וָואס הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעטְרָאגְן גְלַייךְ קֵיין טֶערְקֵיי אוּן בִּיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען צוּרִיק, פוּן דָארְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַהֵיים גֶעפָארְן, אוּן עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**שְׁלוּס**

דֶער גְרוֹיסֶער נֵס הָאט פַּאסִירְט אוּם אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, אוּן אַלְס זֵכֶר צוּ דֶעם מַאכְן אַלֶע חֲסִידִישֶׁע אִידְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּם אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן נֵס, אוּן מֶען רוּפְט דִי סְעוּדָה "דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס סְעוּדָה", אַנְדֶערֶע רוּפְן דָאס "מָשִׁיחַ׳ס סְעוּדָה", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶע בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי אַלֶף-בֵּית וָואס דָאס נוּצְט מֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַייְנְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְךְ תְּפִלָּה, עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן "מָשִׁיחַ׳ס סְעוּדָה", וַוייל דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וִוי וואוֹיל אוּן וִוי גוּט אִיז פַאר דֶעם וָואס טוּט שׁוֹין יֶעצְט דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען, עֶר רֶעדְט שׁוֹין יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

## אַ שֵׁיינֶע לִימוּד פוּן דִי מַעֲשֶׂה

דִי יָארְצַייט פוּן הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר חַיִּים בֶּנְצִיוֹן נָטַע בֶּן ר׳ בֶּנְצִיוֹן הַכֹּהֵן גְרָאס ע"ה אִיז כ"ט נִיסָן.

חַיִּים בֶּן צִיוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גְרִינְגֶע לֶעבְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אִין לֶעבְן ואכמה"ל,

און דאך איז ער אייביג ארומגעגאנגען מיט א שמייכל, ער האט געלערנט זייער פלייסיג אויפן סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אונז געגעבן.

איך האב געהערט פון אים זייער א שיין ווארט; עס איז באוואוסט די מעשה אז דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט זיך געוואלט טרעפן מיטן אור החיים הקדוש זכותו יגן עלינו כדי צו פאראבעטן מעשים צו ברענגען די גאולה וכו׳ וכו׳. האט ער געזאגט, וואס קענען מיר ארויס לערנען פון דעם, וואס האט דאס אז דער בעל שם טוב וועט זיך טרעפן מיטן אור החיים הקדוש מיט משיח? נאר מוהרא״ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג זאגן אז דער גאנצער גלות איז אז עס איז דא א פירוד צווישן אידישע קינדער: ״גזענות״, די אשכנזים ווילן נישט די ספרדים, און ביי די ספרדים צווישן זיך אליין האט יעדע שבט אויפן צווייטן וכו׳ וכו׳, ממילא דאס אז דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו וואס איז פון אשכנז וועט זיך טרעפן מיטן אור החיים הקדוש וואס ער איז געווען פון ספרד, אז די צווייי וועלן זיך צוזאמטרעפן וועלן זיי ברענגען משיח.

על כל פנים וואס האט דאס מיט אונז? אז מיר זענען אלע אויף איין גרויסע שיף און די אומות העולם ווילן מאכן לעכער אינעם שיף כדי מיר זאלן חס ושלום דערטראנקען ווערן, איז נישט שייך צו זאגן מיינס, דיינס, אלע דארפן זיך העלפן איינער דעם אנדערן.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט דאס באוויזן; סיי אין יבנאל, און סיי ראש השנה אין אומאן ביים הייליגן רבינ׳ס קיבוץ, אז סיי אשכנז׳ישע אידן און סיי ספרד׳ישע אידן פון אלע עדות קענען דאווענען אונטער איין דאך.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט מיר מכבד געווען צו זיין בעל תפלה אינעם מנין ׳היכל הקודש׳, און מיר געבעטן אז איך זאל זינגען די ספרד׳ישע פיוטים, דאס איז געווען א מחזה הוד צו זען ווי אלע זיצן צוזאמען, די ספרד׳ישע אידן זיצן און הערן ווי מיר זאגן אונזערע שטיקלעך ביים דאווענען, ווי למשל: ׳ונתנה תוקף׳, ׳לקל עורך דין׳, ׳וכל מאמינים׳, וואס דאס איז זייער חשוב ביי אונז; און מיר פלעגן אויסהערן ווי די ספרד׳ישע

אידן זינגען זייער שטיקלעך, ווי למשל: 'עֵת שַׁעֲרֵי רָצוֹן', 'בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר', וואס דאס איז ביי זיי אזוי ווי ביי אונז 'וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף'.

## נֵס מוֹהֲרָא"ש

[אזוי ווי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ האט בדרך נס איבערגעלעבט א שרעקליכע הארץ אטאקע אום אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, ברענגען מיר דא אראפ אפאר שטיקלעך פון בריוון וואס רעדן זיך פון דעם נס].

מוֹהֲרָא"ש פלעגט חזר'ן כסדר דאס וואס חז"ל זאגן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", אז א מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן און אים דערציילן יעדע זאך, וועט אים דאס באגלייטן אויף אייביג; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה האט דאס גע'חזר'ט זיין גאנצע לעבן, און דאס שטייט אין אלע זיינע היילגע ספרים; אז א מענטש זאל וויסן אז ער האט נישט קיינעם אויף דער וועלט - נאר דעם אייבערשטן! און ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן ווערט מען נענטער צו אים, און דאס וועלן מיר מיט נעמען אויף יענע וועלט.

ווען מוֹהֲרָא"ש האט געכאפט די הארץ אטאקע לא עלינו, איז ער געזיצן אונטן ביי זיך אין צימער, עס איז געווען שפעט ביינאכט, מוֹהֲרָא"ש האט געשפירט ווי ער קען נישט אטעמען (אזוי ווי מען שפירט ווען מען כאפט אן הארץ אטאקע); מוֹהֲרָא"ש האט דערציילט שפעטער ביים שיעור: "איך האט נישט געוואוסט וואס צו טון, איך האב זייער מורא געהאט אז איך וועל שטארבן אין מיין צימער און קיינער וועט נישט וויסן וכו', אבער איין זאך האב איך געהאט - תפלה! איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נאך קענען ארויף גיין אין שטוב, אז מען זאל זען ווי איך ווער נפטר, און איך זאל נישט בלייבן דא איינגעשפארט אליין, דעמאלט האב איך געזען - האט מוֹהֲרָא"ש געזאגט - פשט אין דעם חז"ל: 'לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ', אז נאר דאס נעמט א מענטש מיט לבית עולמו".

...

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַּארִיגֶע וָואךְ אֵיין נַאכְט אִין שְׁפִּיטָאל מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין אַ אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּ זַיין דָארְט מֶערְסְטְנְס אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ דָארְט גֶעזִיצְן פַאר פִיר שָׁעָה, וַוייל דֶער אִיד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט הֶערְלִיכֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט בֵּייגֶעוואוֹינְט בַּיי מוֹהֲרַ"אשׁ, נִישְׁט אַזוֹי וַוייט מוֹפְתִים וָואס דֶער וֶועלְט פַארְצֵיילְט פוּן רֶבִּי'ס - נִישְׁט אַז עֶס פֶּעלְט מוֹפְתִים צוּ דֶערְצֵיילְן - נָאר מוֹהֲרַ"אשְׁ'ס לֶעבְּן; צוּם בֵּיישְׁפִּיל ווִי שְׁטַארְק מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ דִי מִדָּה פוּן 'הַכָּרַת הַטּוֹב', עֶר הָאט מִיר פַארְצֵיילְט הֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת ווִי אַזוֹי מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל סַיי וֶוען מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעכַאפְּט דִי הַארְץ אַטַאקֶע ל"ע שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח תשע"ב, אוּן סַיי דִי גַאנְצֶע צְוֵויי וָואכְן וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטוּב אוּן אִין שְׁפִּיטָאל פַאר עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

עֶר זָאגְט מִיר אַז וֶוען מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים נָאכְן הַארְץ אַטַאקֶע, מֶען הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט מוֹהֲרַ"אשׁ מִיט אַ סְטְרֶעטְשֶׁער, אוּן מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין עֶלֶעוֶועיטָאר אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ, הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף צוּרִיק גֵיין, וַוייל עֶר דַארְף נָאךְ אֵיין נוֹירְס בַּאדַאנְקֶען, עֶר הָאט מִיךְ פַארְצֵיילְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת, אִיךְ וֶועל נָאךְ שְׁרַייבְּן דֶערְפוּן אוֹיף אַ צְווֵייטֶע פְּלַאץ.

דַארְפְן מִיר אוֹיךְ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן מִיט הַכָּרַת הַטּוֹב; דָאס עֶרְשְׁטֶע הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט טַאטֶע מַאמֶע. קִינְדֶער בְּדֶרֶךְ כְּלַל פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען, בִּיז ווִי לַאנְג זֵיי אַלֵיין הָאבְּן נִישְׁט חֲתוּנָה אוּן הָאבְּן קִינְדֶער. זֶע צוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע רֶבִּי מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען אַהֵיים רוּפְן צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

...

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דֶעם דַף גְּמָרָא; אָשֵׁר לְעוּוֵי נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעכַאפְּט דִי

הַארְץ אַטַאקֶע לֹא עָלֵינוּ הָאט אִים מוֹהֲרָא״ש גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ גְמָרָא וַוייל עֶר וִויל לֶערְנֶען דֶעם דַף. וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר אַז יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ דִי חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת סג ע״ב): ״מִנַיִן שֶׁאֵין דִבְרֵי תוֹרָה מִתְקַיְימִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ, שֶׁנֶּאֱמַר: זֹאת הַתּוֹרָה, אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל״. דָאס הָאט מֶען גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא״ש: עֶר הַאלְט בְּעָפָאר אַן הַארְץ אַפֶּערַאצְיֶע אוּן עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין בְּעָפָאר עֶר לֶערְנְט דֶעם דַף.

...

## אִסְרוּ חַג

אִין בְּרֶסְלֶב פְלֶעגְט מֶען זָאגְן: ״פֶּסַח אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער, פֶּסַח אִיז אַרַיין״; וַוייל יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, אִיז אַ נִצְחִיוּת – אַן אֵייבִּיגְקֵייט, אוּן דָאס הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קֶענֶען בַּייקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע. מִמֵּילָא יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵייסֶע טֶעג, אוּן דִי גוֹיִם טוּעֶן זִיךְ אוֹיס אִינְגַאנְצְן וִוי דִי חַיוֹת הַיַּעַר, אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ רַייסְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אִיז בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט בַּייקוּמֶען זַיין יֵצֶר הָרָע, נָאר בִּזְכוּת דִי אַלֶע מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן, בִּזְכוּת אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח, בַּאקוּמֶען מִיר גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען קְרִיגְן מִיטְן יֵצֶר הָרָע.

...

״פֶּסַח אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער, פֶּסַח אִיז אַרַיין״; אַזוֹי פְלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זָאגְן. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּן פֶּסַח, מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן מַצָּה, גֶעטְרִינְקֶען ד׳ כּוֹסוֹת, מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַלֶע מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן, אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חָמֵץ אִין שְׁטוּב, מִיט דֶעם אַלֵיין דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַיֶּה זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

...

ווַאוּיל אִיז אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח; מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, מִיר הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַלֶע מִצְוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן מִיר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): ״חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא

מִמִּצְרַיִם״; דארפן מיר זען מיר זאלן נישט צוריק גיין קיין מִצְרַיִם, מיר זאלן בלייבן ריין פארן אייבערשטן און נישט האבן קיין חמץ אין קאפ. אוועק לייגן אלע קשיות און וויסן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט: ״הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים״, ער טוט אלעס, ער פירט אלעס און ער מאכט אלעס.

•••

יעצט ווען מיר האבן אויסגערוימט דעם חמץ פון שטוב, געב אכטונג און ברענג עס נישט צוריק אין שטוב, א אידישע שטוב טאר נישט האבן קיין קאמפיוטער, הונדערטער אידישע שטיבער זענען חרוב געווארן פון דעם; מילא אז מען דארף עס האבן פאר פרנסה און מען לייגט ארויף א גוטע פילטער אויף דעם, קען מען דאס האבן אין אפיס, אבער אין שטוב טאר מען נישט האבן קיין קאמפיוטער. בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט האבן די ריכטיגע שכל און פאלגן אלע צדיקים וואס האבן אזויפיל געשריגן און געוויינט אויף די צרה.

•••

פֶּסח איז נישט אריבער, פֶּסח איז אריין; יעדע מצוה וואס מיר טוען גייט אריין אין אונזער גוף און אין אונזער נשמה און דאס בלייבט מיט אונז לנצח נצחים. מען ווערט מער און מער נענטער צום אייבערשטן און דאס געבט כח און לעבן פאר א גאנץ יאר. די אלע מצוֹת וואס מיר זענען מקיים ברענגט אריין אמונה אינעם מענטש, אזוי ווי עס שטייט (תְּהִלִּים קיט, פו): ״כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה״, בִּפְרַט די הייליגע מצה וואס מיר האבן געגעסן יום טוב, דאס איז ספעציעל מסוגל אריין צו ברענגען אמונה, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (פָּרָשַׁת בֹּא, מא.) אז מצה ווערט אנגערופן: ״מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא״ – א מאכל פון אמונה, אויך היילט עס אויס דעם מענטש פון אלע וועטאגן (זוֹהַר פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:).

•••

עס איז אמאל געווען א בחור, נישט קיין גרויסער חכם און נישט קיין קליינער נאר, מען פלעגט אים רופן ׳מאטל נאר׳, ווען ער איז א חתן געווארן

הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן 'מָאטְל חָתָן'. פַאר זַיין חוּפָּה הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי דֶער מָאטְל חָתָן וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַּארְוָואס וֵויינְסְטוּ, וָואס גֵייט פָאר?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מִיר פְלֶעגְט מֶען אֵייבִּיג רוּפְן 'מָאטְל נַאר', וֶוען אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן הָאט מֶען מִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען רוּפְן מָאטְל חָתָן, יֶעצְט אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, וֵויין אִיךְ, וַוייל מֶען גֵייט מִיךְ צוּרִיק אָנְפַאנְגֶען צוּ רוּפְן 'מָאטְל נַאר'". יֶעצְט אַז מִיר שְׁטֵייעֶן נָאךְ אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח דַארְפְן מִיר זֶען אַז מִיר זָאלְן מִיטְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אוּן נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אוּנְזֶער נָאמֶען 'מָאטְל נַאר'. עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ גַאנְץ וִוינְטֶער, אוּן וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן? נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישְׁקֵייטְן.

...

## מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

הַיינְט - אִסְרוּ חַג פֶּסַח - אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶפֶענֶען אוּנְזֶער חֵדֶר אִסְרוּ חַג פֶּסַח שְׁנַת תש"ע לִפְרָט קָטָן. מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט נָאר פַארְן בְּלוֹיזְן חֵטְא אַז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר יְשִׁיבָה.

דֶעמָאלְט הָאט דָאס מִיר אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה; אַלֶעס וָואס מֶען הָאט מִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן וֵויי גֶעטוּן הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט אַרָאפּ שְׁלִינְגֶען בְּאוֹנֶס צִי בְּרָצוֹן, אָבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דֶעם בְּרִיוו אַז מַיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען אִסְרוּ חַג פֶּסַח אִינֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, דָא הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ הָאבְּן דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן וִויסְן וָואס צוּ טוּן, וָואס מִיר זָאלְן טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֵייט צוּ עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר.

הַיינְט וֶוען אִיךְ קוּקְט צוּרִיק אוּן אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי וֵוייטָאג פוּן דֶעמָאלְט, דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ זָאג (יְשַׁעְיָהוּ יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי, יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִי'", אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען הָאט דֶעמָאלְט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מֶען הָאט מִיךְ מְבַזֶה גֶעוֶוען אִין

אַלֶע גַאסְן, יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז 'יָשֹׁב אַפְּךָ' הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן הַיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק וּתְ'נַחֲמֵנִי', אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מַיינֶע קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מִיט אֱמוּנַת צַדִּיקִים, אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיין אוּן זֵיי לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ' וְכוּ'.

מֶען קֶען שְׁרַייבְּן אַ בּוּךְ פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער זִינְט דִי חֵדֶר הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט, אָבֶּער יֶעצְט זֶעט מֶען שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי הֶערְלִיכֶע פֵּירוֹת פוּנֶעם מוֹסָד. מִיר הָאבְּן הַיינְט אַ הֶערְלִיכֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה; מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הֶערְלִיכֶע שְׁטִיבֶּער. מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַ מְלַמֵּד בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר וָואס אִיז זֶעלְבְּסְט אַ תַּלְמִיד פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר; דֶער כִּתָּה א' מְלַמֵּד אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר אוּן יְשִׁיבָה.

אוֹיף אוּנְזֶער חֵדֶר קֶען מֶען פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיטְן הַיילִיגְן קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וֶוען דֶער הַיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זַיין הַיילִיגֶער רֶבִּי - דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וואו עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי דַיין רֶבִּי'ן?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט", הָאט דֶער שְׁוֶוער אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ וֶועל אַרַיין רוּפְן דִי דִינְסְט אוּן אִיךְ וֶועל אִיר פְרֶעגְן צִי זִי וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט זִי אוֹיךְ וִויסְן..." עֶר רוּפְט אַרַיין זַיין דִינְסְט אוּן פְרֶעגְט אִיר: "אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט?" רוּפְט זִיךְ דִי דִינְסְט אָן: "וָואסֶערֶע פְרַאגֶע אִיז דָאס? אַוַדַאי אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט!" פְרֶעגְט עֶר זַיין אֵיידֶעם: "צִי וָואס הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט אַוֶועק פַארְן פוּן שְׁטוּבּ פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט - צוּ לֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער; קוּק אוֹיף דִי דִינְסְט, זִי וֵוייסְט דָאס אָן פָארְן צוּ אַ רֶבִּי?!" הָאט דֶער הַיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן

עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זִי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶער אִיךְ לֶעב מִיט דֶעם"; דָאס זֶעלְבֶּע קֶען מֶען זָאגְן קוּמְט פַאר בַּיי אוּנְזֶער חֵדֶר, דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט סְתַּם גֶעזָאגְט אוּן גֶעזִינְגֶען, נָאר זֵיי לֶעבְן מִיט דֶעם. מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אַז וָואס זֵיי דַארְפְן זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף מִיר בְּמֶשֶׁךְ דִי צֶען יָאר וָואס מִיר הָאבְן דִי יְשִׁיבָה; נִישְׁט אֵיין מָאל דִי זִיבְן וַואסֶער וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן בֶּערְגֶער וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעלָאפְן אִינֶעם גֶענֶערַאלְ'ס שְׁטוּב אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶעם אָרִימַאנְ'ס וַוייבּ (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י', פוּן דֶעם בֶּערְגֶער אוּן אָרִימַאן) נָאר עֶטְלִיכֶע מָאל דִי זִיבְן וַואסֶער.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, מֵיידְל סְקוּל וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל הָאבְן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דִי יְשִׁיבָה אוּן מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

...

## שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִינֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת פוּנֶעם זוּמֶער, אַ לַאנְגֶע שַׁבָּת, דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לְהִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג שַׁבָּת; עֶס אִיז דָא אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל אַז דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח מַאכְט מֶען אַ שְׁלִיסְל אוֹיף דִי חַלָּה, דֶער טַעַם פוּן דֶעם אִיז וַוייל פֶּסַח הָאט מֶען נִישְׁט גֶעטָארְט עֶסְן קַיין חָמֵץ אוּן יֶעצְט שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח אִיז דֶער צַייט וָואס מֶען הֵייבְּט אָן עֶסְן חָמֵץ, וֶועגְן דֶעם מַאכְט מֶען אַ שְׁלִיסְל; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס טוּט מֶען וַוייל מֶען וִויל דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, ג' מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", רֶבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דְרֵיי שְׁלִיסְלֶען אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים, מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה, וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית

הַמֵּתִים", די שְׁלִיסְל פון רעגן, קינדער און תְּחִיַּית הַמֵּתִים, "בְּמַעֲרָבָא אָמְרִי אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה", אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זאגט מען, אויך די שְׁלִיסְל פון פַּרְנָסָה. דערפאר מאכט מען אַ שְׁלִיסְל אויף די חַלָּה אַז דער מענטש זאל געדענקען אַז קיינער קען אים נישט העלפן און געבן פַּרְנָסָה נאר דער אייבערשטער, דערפאר זאלסטו זען צו זיין פְּריילִיך שַׁבָּת און אריין ברענגען אין שטוב אַ שִׂמְחָה.

...

די וואך שַׁבָּת איז דער מִנְהָג אַז מען מאכט אויף די חַלּוֹת אַ שְׁלִיסְל, צו ווייזן אַז דער שְׁלִיסְל פון אַלעס ליגט ביים אייבערשטן, און עס איז נאריש צו גיין בעטן טובות פון מענטשן, בְּשַׁעַת מען קען בעטן פונעם אייבערשטן אליין.

דאס דארף אַ מאמע אריין לייגן אין אירע קינדער ווען די קינדער זענען נאך קליין, אַז אַלעס וואס מען דארף, בעט מען דעם אייבערשטן; איך האב געמאכט אַן אינטערעסאנטע זאך ביי מיר, אַז ביי יעדע סְעוּדָה - סיי שַׁבָּת און סיי יוֹם טוֹב, זאגן אַלע קינדער אַ מַעֲשֶׂה וואס זיי געדענקען וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן און ווי אַזוי דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן. די קינדער האבן זייער הֲנָאָה און ווארטן צו דערציילן זייער מַעֲשֶׂה, ווייל יעדעס קינד זאגט עפּעס, נישט נאר די וואס זענען געווענליך די רֹאשׁ הַמְדַבְּרִים. אַזוֹי אויך ווען עס קומען געסט זאגט יעדער אַ שיינע מַעֲשֶׂה.

...

די וואך שַׁבָּת פירט מען זיך צו מאכן אַ שְׁלִיסְל אויף די חַלָּה, כְּדֵי צו געדענקען וואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאגן (תַּעֲנִית ב.) אַז די מַפְתֵּחַ פון פַּרְנָסָה איז אין די הענט פונעם אייבערשטן; מען זאל זיך נישט צעברעכן אָדער גרויס האלטן מיט די פַּרְנָסָה וואס מען האט, כְּאִילוּ דער מענטש איז שולדיג אַז ער האט נישט קיין געלט, אָדער פארקערט - אויב דער מענטש איז געלונגען האט ער מער געלט, ווייל געלט קומט פונעם אייבערשטן, אַזוֹי ווי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זאגט (קֹהֶלֶת ט, יא): "לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם", פַּרְנָסָה האט נישט מיטן

מֶענְטְשׁ, ״וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר, וְגַם לֹא לַיֹּדְעִים חֵן״; אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**וֶועלְכֶע סָארְט שְׁלִיסְל חַלָּה מַאכְט מֶען אוֹיף שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן אוּן פַאר דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועלְכֶע סָארְט שְׁלִיסְל חַלָּה מֶען מַאכְט אִין בְּרֶסְלֶב פַאר שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער מִנְהָג אִיז, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח מַאכְט מֶען אוֹיף דִי חַלָּה אַ שְׁלִיסְל, מֶען מַאכְט מִיט דִי טֵייג אַ שְׁלִיסְל אוֹיבְן אוֹיף דִי חַלָּה צוּ וַוייזְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הַאנְט.

אַזוֹי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית ב.): ״מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה הִיא בְּיַד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, דֶער שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ׳ס הַאנְט; אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן פַאר פַּרְנָסָה, אַ שָׁאד זִיךְ אִיבֶּערְאַרְבֶּעטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל. מֶען דַארְף טוּן פַאר פַּרְנָסָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי דְבָרִים טו, קנח) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (מִלְּשׁוֹן הַכָּתוּב דְּבָרִים טו, יח): ״׳וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה׳, יָכוֹל יְהִי יוֹשֵׁב וּבָטֵל, תַּלְמוּד לוֹמַר בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה״; אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל זָארְגְן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְאַרְבֶּעטְן.

מַאךְ אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁלִיסְל אוֹיף דִי לֶענְג פוּן דִי חַלָּה, גֶעבּ אַ שְׁטִיקְל שְׁלִיסְל פַאר יֶעדְן אִין דִי מִשְׁפָּחָה אוּן דֶערְצֵייל זֵיי: ״דֶער שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה, פוּן הַצְלָחָה - לִיגְט אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הַאנְט.״

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# כ"ה ניסן

כ"ה נִיסָן אִיז דֶער יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן דִּבְרֵי חַיִּים – דֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; עֶס אִיז יָדוּעַ אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר, וֶוען דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת און נָאךְ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: "נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ, אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ".

...

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אִיז אַמָאל אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ און גֶעפְרֶעגְט דִי חֲסִידִים פוּן וָואס זֵיי רֶעדְן, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי רֶעדְן פוּן צַדִּיקִים, הָאט דֶער דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע זַאךְ; עֶס אִיז דָא אַ פֵייגְל וָואס הֵייסְט 'רְאֵם', אוֹיף אִיר פִּיס הָאט זִי בְּלַאטֶערְלֶעךְ פוּן אֵייטֶער, און וֶוען דִי פֵייגְל קוּקְט אוֹיף אִיר פִּיס וֶוערְט זִי זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און פַארְוֵוייטָאגְט וַוייל זִי עֶקְלְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין און זִי ווִיל זִיךְ הַרְגְ'נֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן אַז דִי פֵייגְל הָאט הֶערְלִיכֶע פֶעדֶערְן, און וֶוען דִי פֵייגְל קוּקְט אוֹיף אִירֶע פֶעדֶערְן וֶוערְט זִי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און זִי פַארְגֶעסְט פוּן אִיר צַעַר", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אוֹיסְגֶעפִירְט: "אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען מִיר קוּקְן זִיךְ אָן ווִי מִיר זֶעעֶן אוֹיס וֶוערְן מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער וֶוען מִיר דֶערְמַאנֶען זִיךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וֶוערְט מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ".

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז אַ צַייט אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים און אֱמוּנָה, נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן סְתָּם פָּאלִיטִיק; הַיינְט אִיז דָא אַ שֶׁפַע פוּן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וואוּ מֶען קֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן, קִינְדֶער און אוֹיךְ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה.

...

דער הייליגער דִבְרֵי חַיִים האט דערציילט אַז אַמאָל איז געווען אַ דאָרף וואס אַלע גוֹיִם האבן געבעטן דעם גַלָח ער זאל מאכן אַ געזעץ אַז ווער עס טרינקט זיך אָן, זאל מען שווער באַשטראָפן, כְּדַאי מען זאל נישט אויסגעבן דאס גאנצע געלט פאר טרינקען, האט דער גַלָח געזאגט אַז פאר ער גייט מאכן די גְזֵירָה וויל ער זיך אָנטרינקען כְּדַאי צו זען וואס איז די זאך פון דעם, און אַזוֹי וועט ער מאכן די גְזֵירָה. דער גַלָח האט זיך אָנגעטרינקען און ער איז געוואָרן טויט שִיכּוֹר, ביז ער איז אַרום געלאָפן אויף די גאסן און זיך געוואַלגערט ווי אַ שִיכּוֹר וואס וואַלגערט זיך אין מיסט וְכוּ׳ וְכוּ׳; צו מאָרגנס ווען ער האט זיך אויסגעניכטערט זענען זיך צוזאַמען געקומען אַלע גוֹיִם צו הערן פון אים וואס ער זאגט, האט דער גַלָח געזאגט צו זיי: "איך האלט אַז עס פעלט נישט אויס צו באַשטראָפן דעם וואס שִיכּוֹר'ט זיך אָן, ווייל דאס אַליין איז די גרעסטע שטראָף, אַז זיי וואַלגערן זיך אַרום אין מיסט וְכוּ׳".

דער דִבְרֵי חַיִים פלעגט דאס דערציילן הוֹשַעְנָה רַבָּה, און געוואָלט מיט דעם מְלַמֵד זְכוּת זַיין אויף אידישע קינדער, אַז מען דארף זיי נישט געבן קיין שטראָף אויף דעם וואס מען פאלט אַראָפּ אין חֲטָאִים, ווייל דאס אַליין וואס מען וואַלגערט זיך אין בְּלָאטע איז די גרעסטע שטראָף. מען דארף דאס אַריין לייגן אין קינדער פון יונגערייז אָן, אַז דער ערליכער איד - דער האט אַ לעבן, און דער וואס טשעפּעט די באָרד אין פֵּיאוֹת - דער פארלירט אַלעס. מיר טוט זייער וויי צו זען ווי יונגע בָּחוּרִים הייבן אָן צו שניידן די באָרד און פֵּיאוֹת, וואס דאס איז די הַתְחָלָה וואס אַ מענטש טוט ווען ער וויל אַלעס איבערלאָזן.

...

דער הייליגער צאנזער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווען ער איז שוין געווען אויף דער עלטער האט ער זיך אַמאָל זייער נישט גוט געשפּירט, און מען האט גערופן דעם דאָקטער, דער דאָקטער האט אונטערגעזוכט דעם הייליגן צאנזער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און ער האט אָנגעפאנגען זיך צו שושקען מיט זַיינע קינדער. ווען דער צאנזער רַב האט געזען ווי ער

רעדט שטילערהייט האט ער געפרעגט וואס האט ער געזאגט? אבער זיי האבן אים נישט געוואלט ווי טון און זאגן וואס דער דאקטער זאגט - אז דער הייליגער צדיק האט שוין נישט קיין רפואה, אבער דער הייליגער צאנזער רב האט זיך גע'עקשנ'ט און געהייסן זיין זון רבי ברוך מגארליץ זאל אים זאגן בתורת כיבוד אב וואס דער דאקטער זאגט, האט ער נישט געהאט קיין ברירה און ער האט אים געזאגט אז דער דאקטער זאגט אז עס איז שוין נישט דא קיין האפענונג צו לעבן. ווען דער הייליגער צאנזער רב האט דאס געהערט, האט ער זיך זייער צופלאמט און געזאגט: "אויב אזוי, דארף מען זיך גיין גרייטן זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש השם", און ער האט אנגעהויבן זיך מתבודד זיין צום אייבערשטן.

אז מען לעבט מיטן אייבערשטן און מען מאכט יעדן טאג התבודדות - מען פארציילט אלעס פארן אייבערשטן, לעבט מען אן אנדערע לעבן; א לעבעדיגע לעבן, און אז מען לעבט אן דעם אייבערשטן - איז דער לעבן א טויטע לעבן. עס גייט נישט אין א קורצע צייט, אבער אז מען איז אן עקשן, און מען ווייסט אז דאס איז וואס איך דארף טון, און יעדן טאג נעמט מען אפאר מינוט און מען שמועסט מיטן אייבערשטן - האט מען א חיים טובים. פון אנהייב וועט עס זיין זייער שווער, ווייל ווען א מענטש זינדיגט מאכט ער א מחיצה צווישן אים אינעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו נט, ב): "כי אם עונתיכם היו מבדלים ביניכם לבין אלקיכם", און דער רבי זאגט (ספר המדות, אות אמונה, סימן כב): "הפשע של האדם מכניס כפירה באדם", ווען א מענטש זינדיגט הייבט ער אן צו האבן קשיות אויפן אייבערשטן, און מען שפירט שוין נישט אזוי דעם אייבערשטן.

דאס וואס מען הערט אז מענטשן שפעטן אפ פון התבודדות, און זאגן: "דו רעדסט צום וואנט", דאס קומט פון חטאים ועוונות וואס דער מענטש טוט, און טוט נישט קיין תשובה. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לא) אז אמונה און ברית גייט צוזאמען, אזוי ווי עס

שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ", און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רח"ל, פַאֲרְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר טוּט תְּשׁוּבָה בַּאקוּמְט עֶר צוּרִיק זַיין אֱמוּנָה, און וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה בַּיי אִים.

...

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים פְלֶעגְט זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג, עֶר פְלֶעגְט דָאס זָאגְן אִין אִידִישׁ: "אֲנִי מַאֲמִין - אִיךְ גְלֵייבּ", און עֶר פְלֶעגְט דָאס זָאגְן מִיט זַיין נָאמֶען: "חַיִּים גְלֵייבְּט, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה - שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן און עֶר פִירְט דֶער וֶועלְט, נָאר עֶר אַלֵיין טוּט אַלֶעס און וֶועט אַלֶעס טוּן; אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק זִיךְ גֶע'חַזֶר'ט אַפָּאר מָאל אַ טָאג דִי אֱמוּנָה. הַלְוַאי זָאלְן מִיר זָאגְן דִי דְרַייצְן "אֲנִי מַאֲמִין" אֵיין מָאל אַ טָאג, וַוייל וִוי מֶער מֶען חַזֶר'ט דִי אֱמוּנָה וֶוערְט עֶס מֶער און מֶער אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרַ"ש זָאגְט אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן דִי אֲנִי מַאֲמִין גְלַייךְ נָאךְ בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה; מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט דֶעם און דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז אַלֶעס וֶועט גֵיין גֶעשְׁמַאק און רוּאִיג, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): "וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל, "שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט: "אִיךְ וִויל!" און עֶר טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", אֵיינְמָאל אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'וִוי אַזוֹי דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטְן וויל - בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן', דֶעמָאלְט וֶועט אַלֶעס גֵיין ווִי דֶער מֶענְטְשׁ וויל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב) עֶר פִּירְט זִיךְ אַז עֶר גֶעט אִיבֶּער דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ אַז ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל זָאל עֶר עֶס פִירְן; "בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת אוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב פִּיר אִיךְ מִיר אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם טָאג". אַזוֹי הָאט מֶען נִישְׁט נָאכְדֶעם קַיין סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים צִי מֶען הָאט אוֹיס גֶענוּצְט דֶעם טָאג רִיכְטִיג וְכוּ'.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין בִּיז דָאס וֶועט דִיר שׁוֹין זַיין שָׁגוּר עַל פִּיו, דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

...

[מיר ברענגען דא אראפ די דרייצן אני מאמין מיט אידיש טייטש, ווי עס איז געדרוקט אין ספר איש אמונות]

1) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייב, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא בּוֹרֵא עֶר בַּאשַׁאפְט, וּמַנְהִיג אוּן פִירְט, לְכָל הַבְּרוּאִים אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן. וְהוּא לְבַדּוֹ אוּן עֶר אַלֵיין, עָשָׂה הָאט גֶעטוּן, וְעוֹשֶׂה אוּן טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, וְיַעֲשֶׂה אוּן וֶועט ווַייטֶער אַלֶעס טוּן, לְכָל הַמַּעֲשִׂים אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט.

2) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייב, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא יָחִיד עֶר אִיז אֵיינֶער, וְאֵין יְחִידוּת אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל זַיין אֵיינְס, כָּמוֹהוּ, בְּשׁוּם פָּנִים אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז אֵיינְס. וְהוּא לְבַדּוֹ אוּן עֶר אַלֵיינְס, אֱלֹקֵינוּ אִיז אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָיָה עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען, הֹוֶה עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, וְיִהְיֶה אוּן וֶועט אֵייבִּיג זַיין.

3) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייב, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵינוֹ גוּף אִיז נִישְׁט קַיין קֶערְפֶּער, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט צוּטוּן

מִיט אַ קֶערְפֶּער, וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל און מֶען קֶען אִים נִישְׁט צוּגְלַייכְן צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ.

4) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא רִאשׁוֹן עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער, וְהוּא אַחֲרוֹן און עֶר וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער.

5) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, לוֹ לְבַדּוֹ נָאר צוּ אִים אַלֵיין, רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל דַארְף מֶען בֶּעטְן, וְאֵין רָאוּי און עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד, לְהִתְפַּלֵּל צוּ בֶּעטְן, לְזוּלָתוֹ פוּן קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ.

6) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁכָּל דִּבְרֵי נְבִיאִים אֱמֶת אַז אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי נְבִיאִים זֶענֶען אֱמֶת׳דִיג.

7) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁנְּבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אַז דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָיְתָה אֲמִתִּית אִיז אֱמֶת׳דִיג, וְשֶׁהוּא הָיָה אָב לַנְּבִיאִים און אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דִי טַאטֶע פוּן אַלֶע נְבִיאִים, לַקּוֹדְמִים לְפָנָיו פַאר דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אִים, וְלַבָּאִים אַחֲרָיו און פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אִים.

8) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁכָּל הַתּוֹרָה אַז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, הַמְּצוּיָה עַתָּה בְיָדֵינוּ וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט, הִיא הַנְּתוּנָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן, לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

9) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן, לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת וֶועט נִישְׁט פַּארְטוֹישְׁט וֶוערְן, וְלֹא תְהֵא און עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין, תּוֹרָה אַחֶרֶת קַיין אַנְדֶערֶע תּוֹרָה, מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

10) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, יוֹדֵעַ כָּל מַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן און וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן, וְכָל מַחְשְׁבוֹתָם און אַלֶעס וָואס מִיר טְרַאכְטְן און וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן, שֶׁנֶּאֱמַר אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים

לג, טו): 'הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַלֶע הֶערְצֶער, 'הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם' אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט.

11) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גּוֹמֵל טוֹב בַּאצָאלְט שְׂכַר, לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו פַאר דִי וָואס טוּעֶן דִי מִצְוֹת, וּמַעֲנִישׁ אוּן עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט, לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו דִי וָואס פָאלְגְן נִישְׁט זַיינֶע מִצְוֹת.

12) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ אוּן אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם מִיט דֶעם וַוארְט אִיךְ יֶעדְן טָאג, שֶׁיָּבוֹא אַז עֶר זָאל קוּמֶען.

13) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, שֶׁתִּהְיֶה תְּחִיַּת הַמֵּתִים אַז עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, בְּעֵת שֶׁיַּעֲלֶה רָצוֹן מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דָאס טוּן, וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים אוּן עֶס וֶועט דֶערְהוֹיבְן וֶוערְן זַיין נָאמֶען פַאר אֵייבִּיג.

...

## סְפִירַת הָעֹמֶר

יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה וֶוען מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, דַארְפְן מִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, רֶעדְן שַׁיין צוּ אַ חַבֵר אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִיר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ. מוֹהֲרַנַ"ת פְלֶעגְט זָאגְן אַז לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דֶער שִׂיחָה נָאךְ נִישְׁט מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אוּן הַלְוַאי זָאל עֶס מְקוּיָם וֶוערְן צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

...

אִין דִי סְפִירָה טֶעג זֶענֶען מִיר מִתְאַבֵּל אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט תַּלְמִידִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן

אין די טעג פון ספירה, אזוי ווי חכמינו זכרונם דערציילן (יבמות סב:): "שנים עשר אלף זוגים תלמידים היו לו לרבי עקיבא", פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים האט רבי עקיבא געהאט, "וכלן מתו בפרק אחד מפני שלא נהגו כבוד זה לזה, והיה העולם שמם", און אלע פון זיי זענען געשטארבן אין איין צייט ווייל זיי האבן זיך נישט מכבד געווען איינער דעם צווייטן, און די וועלט איז געווען דעמאלט וויסט פון תורה; דאס איז געווען אין די טעג פון ספירה. דעריבער האלטן מען אין די טעג אבלות, מען הערט נישט קיין מוזיק, מען מאכט נישט קיין חתונות און מען באנייט נישט קיין נייע קליידער וכו'.

אין די טעג דארפן מיר זיך שטארקן און אריינטראכטן ווי אזוי מיר פירן זיך אויף בין אדם לחבירו; מען זאל זען מער אכטונג געבן אויף א צווייטן און נישט טשעפען א צווייטן, אזוי וועלן מיר פארעכטן וואס זיי האבן פוגם געווען. ווייל די תלמידים פון רבי עקיבא האבן זיך נישט געקענט סובל זיין איינער דעם צווייטן, זיי האבן געקוקט מיט א שלעכט אויג איינער אויפן צווייטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה סא, ג): "שנים עשר אלף תלמידים היו לרבי עקיבא מעכו ועד אנטיפרס, וכלם בפרק אחד מתו, למה? שהיתה עיניהם צרה אלו באלו"; דאס דארפן מיר פארעכטן אין די יעצטיגע טעג.

דער הייליגער אריז"ל זאגט (לקוטי תורה, בלק): די פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים פון רבי עקיבא וואס זענען געשטארבן אין די טעג פון ספירה, דאס זענען גלגולים פון די פיר און צוואנציג טויזענט מענטשן וואס זענען געשטארבן ביי די מגיפה פון די עבירה פון זמרי בן סלוא; ווייל ווען א מענטש זינדיגט אין ניאוף ווערט אים דער מח פארדרייט, ער הייבט זיך אן קריגן מיט א צווייטן, ער הייבט אן קוקן שלעכט אויף א צווייטן און ער איז מקנא א צווייטן. נאכדעם הייבט ער אים אן פיינט צו האבן ביז מען קומט צו רציחה ממש רחמנא לצלן; מען זעט אז די ראשי תיבות פון ש'נאה, ק'נאה און ר'ציחה איז שק"ר, דאס איז די סיבה פארוואס א מענטש קריגט זיך מיט א צווייטן, אלעס ווייל ער ליגט אין ניאוף.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא ט.): דֶער עֶרְשְׁטֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן וַוייל זֵיי הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶועזְן אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, דֶער צְוֵוייטֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן נָאר וֶועגְן שִׂנְאַת חִנָּם, פִּירְט דִי גְמָרָא אוֹיס: "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין לִיבּ צוּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת, אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

...

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי סְפִירָה פוּן "הוֹד", אוּן מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי חֲסִידִים אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פוּן סְפִירַת הוֹד, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר בְּהַעֲלוֹתְךָ קנב:): "בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר לְיַרְחָא תְּנְיָינָא, דְּהָא מִתַּמָּן עַד שֶׁבַע יוֹמִין תַּרְעִין פְּתִיחָן"; דֶערְפַאר זֶע אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

זָאלְסְט אוֹיךְ זֶען צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, סְפִירַת הָעֹמֶר חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): "מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, אוֹיבּ מֶען אִיז אַ בַּעַל קֶרִי". אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס גֵייט אִין "מִקְוֶה" וֶועט הָאבְּן אַ "תִּקְוָה", וַוייל מִקְוֶה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן הָאפֶענוּנְג.

...

אִיךְ בֶּעט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר אַלֶע דְרֵייוֶועְרס אַז מֶען זָאל נִישְׁט אָנְצִינְדְן קַיין מוּזִיק אוֹיף דִי בָּאס אוּן אוֹיף דִי וֶוענְס יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג; אֲפִילוּ נִישְׁט דִי סְפִירָה טֶעיפְּס. עֶס אִיז דָא הַיינְט אַ שֶׁפַע פוּן מַגִּידִים וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר קִינְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן דָאס זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן, עֶס זֶעצְט זֵיי אַרָאפּ אוּן זֵיי הֶערְן דָאס אוֹיס זֵייעֶר שְׁטַארְק.

בִּכְלַל בֶּעט אִיךְ דִיר אַז דוּ זָאלְסְט כְּסֵדֶר מְחַזֵּק זַיין דִי דְרֵייוֶועְרס אַז זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְצִינְדְן פַאר דִי קִינְדֶער הַיינְטִיגֶע טֶעיפְּס פוּן הַיינְטִיגֶע זִינְגֶערְס וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין לֵיצָנוּת אוּן צֶעלָאזְטְקֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס אִיז דָא שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע חֲסִידִי׳שֶׁע טֶעיפְּס וָואס מֶען קֶען אָנְצִינְדְן פַאר דִי קִינְדֶער.

דָאס בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶועזְן אַז עֶס זָאל נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי בָּאס אוּן

אִין דִי וֶוענְס דִי נִיגוּנִים פוּן יְשִׁיבָה, וָואס דָאס אִיז בְּלוֹיז יִרְאַת שָׁמַיִם, נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, נִיגוּנִים פוּן תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיף וַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה, אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִינְגֶען פַאר מָשִׁיחַ דִי נִיגוּנִים.

פֶּסַח הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בַּיי מִיר בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַ מִשְׁפָּחָה וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, זֵיי הָאבְּן אַרַיין גֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד פַאר אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק, אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן נָאר גֶעזִינְגֶען אַ גַאנְצֶע סְעוּדָה נִיגוּנִים וָואס זֵיי הֶערְן אוֹיפְן בָּאס: "אוֹי טַאטֶע, אוֹי פָּאטֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אָדֶער: "מֶען שְׁרֵייט, אוּן מְ'שְׁרֵייט, אוּן מְ'שְׁרֵייט, הֶעלְף מִיר טַאטֶע".

...

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט וֶועגְן הֶערְן מוּזִיק אִין דִי סְפִירָה טֶעג בְּשָׁעַת מֶען מַאכְט עֶקְסֶערְסַייז וְכוּ'; אוֹיבּ מֶען דַארְף דִי מוּזִיק צוּ קֶענֶען מַאכְן עֶקְסֶערְסַייז אִיז דָאס מוּתָּר, אָבֶּער סְתַּם הֶערְן מוּזִיק אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה טָאר מֶען נִישְׁט.

דִי סְפִירָה טֶעג אִיז אַ צַייט וֶוען מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט תַּלְמִידִים פוּן דֶעם תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט פַארְגִינֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז מְתַקֵּן צוּ זַיין דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן פַארְדָארְבְּן.

...

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ..., זַיי מַמְשִׁיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; זִינְג אוּן טַאנְץ מִיט דִי קִינְדֶער נִגּוּנֵי אֱמוּנָה. אֲפִילוּ יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג וֶוען מִיר הֶערְן נִישְׁט קַיין מוּזִיק זָאלְסְטוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן מִיט דִי קִינְדֶער: "אוֹי טַאטֶע, אוֹי פָּאטֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִינְגֶען מִיט זֵיי: "אַה מְחַיֶ' צִיצִית, אַה מְחַיֶ' קַאפְּל, אַה מְחַיֶ' פֵּיאוֹת, וְכוּ', וְכוּ'", עֶס זָאל זֵיי אַרַיינְגֵיין אִין דִי בֵּיינֶער דָאס גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין אַ אִיד.

...

### וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיז דָא עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶלֶע מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג? עֶפֶּעס וָואס מֶען טוט יָא אָדֶער מֶען טוט נִישְׁט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - אַזוֹי פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים.

בְּנוֹסָף לָזֶה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ זָאגְן צְוֵויי מָאל אַ טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה״, תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה אוּן צוּ טְרֶעפְן דִי שַׁעַר, דִי טִיר וואוּ אָנְצוּקוּמֶען, וַוייל עֶס אִיז דָא פוּפְצִיג טוֹיעֶרְן פַאר תְּשׁוּבָה; דָאס קֶען מֶען יֶעצְט זוֹכֶה זַיין אִין דִי סְפִירָה טֶעג.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אִין דִי סְפִירָה טֶעג זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶועְן, מִיר זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן. נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מַחֲלֹקֶת, וַוייל דִי תַּלְמִידֵי רֶבִּי עֲקִיבָא זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד גֶעוֶועְן זֶה לָזֶה (יְבָמוֹת סב:); אִיז יֶעצְט אַ צַייט דָאס צוּ מְתַקֵּן זַיין, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּנוֹגֵעַ הֶערְן מוּזִיק אִין דִי סְפִירָה טֶעג; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב) אַז מֶען מֶעג הֶערְן מוּזִיק פַאר זִיךְ, בִּפְרָט אוֹיבּ מֶען וִויל בְּעִיקָר הֶערְן דִי נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, מֶען הֶערְט ׳טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה׳, מֶען וִויל דִי חִיזּוּק - מֶעג מֶען הֶערְן.

...

## מֶעג מֶען הֶערְן נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה אִין דִי סְפִירָה טֶעג אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶועְרֶע צַייטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיר זֶענְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ מְחַזֵּק צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער אַסַאךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אוֹיבּ אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶועְרֶע קָארְאנֶע צַייטְן מֶעג מֶען הֶערְן דִי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, צוּם בַּיישְׁפִּיל דִי אַלְבּוּמְס "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה" אוּן דִי אַנְדֶערֶע נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה - אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה?

דִי נִיגוּנִים זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה אוּן גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן, אָן דִי נִיגוּנִים וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ פַארְטְרוּקְנְט אוּן פַארְגְלִיוֶוערְט, מֶעג אִיךְ עֶס הֶערְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִין דִי סְפִירָה טֶעג הַאלְטְן מִיר אֲבֵילוּת אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סב:): ״שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבִּי עֲקִיבָא״, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעהַאט, ״וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם״, אוּן אַלֶע פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין אֵיין צַייט וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דִי וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט וִויסְט פוּן תּוֹרָה.

אָבֶּער עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בְּעַצְבוּת וּבְמָרָה שְׁחוֹרָה מֶעג הֶערְן שְׁטִילֶערְהֵייט פַאר זִיךְ מוּזִיק, זִיךְ אוֹיף צוּ לֶעבְּן; בִּפְרַט נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אִין אֱמוּנָה, עֶס גֶעבְּט לֶעבְּן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען הֶערְט דָאס קֶען מֶען הֶערְן פַאר זִיךְ מוּזִיק.

בִּכְלַל אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הֶערְן מוּזִיק, לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי

זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעג): "טוֹב לְהָאָדָם לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ, שֶׁיּוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם אֵיזֶה נִגּוּן, כִּי נִגּוּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל וְגָבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד, וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת לֵב הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", מִיט אַ נִיגוּן קֶען מֶען זִיךְ עֶפֶּענֶען דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַאר אִיז גוּט צוּ זִינְגֶען נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען מְעוֹרֵר דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר פַארְרֶעכְטְן אִין דִי טֶעג דֶעם עִנְיָן פוּן בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן; אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן פוּן אוּנְזֶער גָלוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וֶועגְן בַּאנֵייעֶן קְלֵיידֶער אִין דִי סְפִירָה טֶעג וְכוּ'; וַוארְטְס בִּיז לַ"ג בָּעֹמֶר.

...

וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גְלַייךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, סְפִירַת הָעֹמֶר חֵלֶק ב', סִימָן ב): מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוֹיב מֶען אִיז אַ בַּעַל קֶרִי, אוּן גְלַייךְ אָנְטוּן טַלִית וּתְפִילִין.

...

## מַסֶכֶת סוֹטָה אוּן שְׁבוּעוֹת

בְּנוֹגֵעַ וָואס פַאר אַ מַסֶכְתָּא צוּ לֶערְנֶען צְווִישְׁן יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת? מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען מַסֶכֶת סוֹטָה אוּן מַסֶכֶת שָׁבוּעוֹת וַוייל בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת הָאבְן נַיין אוּן פֶערְצִיג בְּלֶעטֶער אַנְקֶעגְן דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג טֶעג פוּן סְפִירָה; יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אֵיין דַף גְמָרָא פוּן בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת אוּן בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת הָאבְן אַ קֶשֶׁר צוּ דִי סְפִירָה טֶעג. וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פָּרָשַׁת אֱמוֹר, צז.) רוּפְט אָן דִי טֶעג פוּן סְפִירָה "טֶעג וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל צֵיילְט זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן צוּ מַתַּן תּוֹרָה אַזוֹי וִוי אַ אִשָּׁה אִיז זִיךְ מְטַהֵר לְבַעֲלָהּ", אוּן אַז אִין דִי טֶעג "אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בּוֹדֵק דִי אִידְן אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בּוֹדֵק אַ סוֹטָה פַאר אִיר מַאן צוּ זִי אִיז בַּאגְלֵייבְּט וְכוּ'", אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מַסֶכֶת

שָׁבוּעוֹת אַ שַׁייכוּת צוּ דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, וַוייל מִיר צֵיילְן דִי טֶעג צוּ מַתַּן תּוֹרָה וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּן בַּארְג סִינַי וָואס דָארְט הָאט מֶען בַּאשְׁוואוּירְן דִי אִידְן מִיט שָׁבוּעוֹת וְכוּ׳.

מוֹהֲרָא"ש אַלֵיינְס פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, צוּ לֶערְנֶען אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת - סוֹטָה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אַסַאךְ צַדִיקִים.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוּן נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה אוּן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג פוּן דִי וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּנֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", וַוייל: "לַאכְן, לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט צוּם לֶעצְט"; וֶוער לַאכְט בֶּאֱמֶת? דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף. וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַוֶועק דֶעם רֶבִּינְ׳ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, עֶר לַאכְט אָפּ דֶערְפוּן אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת: "עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט", וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶעם לֶעצְטְן טָאג וֶועט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן וֶוער עֶס קֶען לַאכְן, וֶוען מֶען וֶועט צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָנְגֶעפִילְט מִיט תּוֹרָה - צֶענְדְלִיגֶער מָאל מְסַיֵים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; בַּבְלִי; יְרוּשַׁלְמִי; תּוֹסֶפְתָּא; רַמְבַּ"ם; טוּר; שֻׁלְחָן עָרוּךְ; זוֹהַר; תִּיקוּנֵי זוֹהַר אוּן אַלֶע מֶדְרָשִׁים; דֶעמָאלְט וֶועט זַיין אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, בַּיי יֶענֶעם וֶועט נֶעבֶּעךְ מְקוּיָם וֶוערְן (רות א, כא): "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶענוּצְט זַיינֶע יָארְן, וָואס דַאן קְלָאגְט דִי נְשָׁמָה: "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי", אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אָבֶּער: "וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", אִיךְ גֵיי צוּרִיק לֵיידִיג.

...

דֶער בְּלַאט גְמָרָא דָאס זָאל זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי וִוי לֵייגְן טַלִית אוּן תְּפִילִין. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, זוּן פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (הוּבָא בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין), אַז אַ דַף גְמָרָא דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיים מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אָן תְּפִילִין. בְּנוֹסָף לָזֶה זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פַאר יֶעדְן יוֹם טוֹב דִי מַסֶכְתָּ וָואס הָאט מִיטְ׳ן יוֹם טוֹב; יֶעצְט וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח זָאלְסְטוּ

לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן דִי סְפִירָה טֶעג אַ בְּלַאט פוּן מַסֶכֶת סוֹטָה אוּן אַ בְּלַאט פוּן מַסֶכֶת שְׁבִיעִית אוּן דָאס מְסַיֵים זַיין אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

עֶס זֶעט אוֹיס אַסַאךְ, עֶס זֶעט אוֹיס שְׁוֶוער; גְלֵייבּ מִיר עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער, מֶען דַארְף נָאר וֶועלְן; אֵיינְמָאל מֶען ווִיל, אֵיינְמָאל מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה - נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ג, ה): "כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה", וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם יָאך פוּן תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים אַזוֹי ווִי אַ עוֹל, עֶס אִיז אִים אִין אָנְהֵייבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער - דָאךְ גֶעוואוֹינְט עֶר זִיךְ צוּ, עֶר לֶערְנְט, "מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עֹל מַלְכוּת וְעֹל דֶרֶךְ אֶרֶץ", נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּחָדִים, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שוּם זַאךְ, נִישְׁט פוּנֶעם מַלְכוּת אוּן מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם עוֹל דֶרֶךְ אֶרֶץ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל הָאבְּן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

...

## פֶּסַח שֵׁנִי

אֵיינֶע פוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט וֶועגְן "פֶּסַח שֵׁנִי" (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת הֲלָכָה ה, אוֹת טז.)

דִי פַּרְשָׁה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי - אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן וָואס זֶענֶען טָמֵא גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַיֵים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן "קָרְבַּן פֶּסַח" - זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַ טַעֲנָה (בַּמִּדְבָּר ט, ז): "'לָמָּה נִגָּרַע', וָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ בִּין טָמֵא, אִיךְ טָאר נִישְׁט מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פַארְוָואס? אִיךְ ווִיל אָבֶער אוֹיךְ מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה!" משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי רָצוֹן, דִי ווִילְן פוּן אָט דִי אִידְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא גֵייט עֶפֶּעס זַיין, ווַייל וֶוען מֶענְטְשְׁן ווִילְן זַיין גוּט, זֵיי בֶּעטְן זִיךְ: "לָמָּה נִגָּרַע" - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (שַׁבָּת קד.): "הַבָּא לְטַהֵר", וֶוען מֶען ווִיל זַיין גוּט, "מְסַיְּעִים אוֹתוֹ",

הֶעלְפְט מֶען פון הימְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַאכְן יֶעצְט דֶעם פֶּסַח.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אוּנְז, מִיר זֶענֶען דָאךְ וִוי אַזוֹי מִיר זֶענֶען, "וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלַל" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן לט), מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז; אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן, מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לָמָּה נִגָּרַע, וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה. אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין מַמָשׁ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר" - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין, מֶען וֶועט אוּנְז גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אָנְצוּהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

...

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף פוּן דַיין עַצְבוּת אוּן פוּן דַיין מְרִירוּת, אוּן גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁרֵיי: "לָמָּה נִגָּרַע? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד! אִיךְ וִויל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן! אִיךְ וִויל אוֹיךְ אַ רֵיינֶע מֹחַ! אִיךְ וִויל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכַת אַפַּיִם - זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט! אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן קֵיין עֲבֵירוֹת וְכוּ'", וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פֶּסַח שֵׁנִי.

...

פֶּסַח שֵׁנִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַז עֶס אִיז דֶער יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס, אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעפַאלְט דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי; דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס אוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי זֵייעֶר רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד): "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ - זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה", אַז דִי מִצְוָה פוּן וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אִיז אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אִין דִי תּוֹרָה; דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט פַּארְטְרָאגְן צְוִוישְׁן זִיךְ דֶערְפַאר אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס מִיט דִי אִיבֶּערִיגֶע חֲבֵרִים אוּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶעם צוּם צְוֵויטְן, זֵיי

הָאבְּן אוֹיסְגֶערִיסְן דִי זַאךְ פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן זִיךְ גְרוֹיסְן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אִין דִי טֶעג. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (נָשֹׂא קכח.) רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: ״אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא״, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא״ש זָאגְן אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶעם רֶמֶז: אֲ׳נַ׳ן׳ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: ״אַ׳נְשֵׁי נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא״, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

...

בעזרת השם יתברך

הספר הקדוש הזה

איז נתנדב געווארן דורך

**אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו

וזוגתו **פערל** תחי'

און זייערע קינדער

החתן בנימין זאב, יוכבד מירל, נעכא ליבא, שפרה, נחמן נתן, שלום יואל, אליעזר שלמה.

די זכות וואס זיי פארשפרייטן די הייליגע ספרים פון רבי'ן פאר די וועלט זאל זיי ביישטיין זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט בני, חיי און מזוני רווחי,

עס זאל זיין ביי זיי נאר שמחה און הצלחה, ביי זיי און ביי זייערע דורות, אמן.

דער ספר איז אויך נתנדב געווארן לזכות הרה"ח

ר' **בנימין זאב** בן ר' **אשר לעמיל** עליו השלום, וואס זיין יארצייט געפאלט י"ב ניסן.

ר' בנימין זאב ע"ה איז געווען א מוסטער פון א חסיד וואס האט זיך מבטל געווען ברמ"ח איברים ושס"ה גידים פאר הרה"ק מטאהש זצוק"ל, ווען ער האט באדינט מיט אן אויסערגעוועהנליכע געטריישאפט, סיי מיטן בויען מוסדות, און מיט אלעס וואס האט זיך אויסגעפעלט, צו בויען דעם נייעם ערליכן חסידישן דור.

ר' בנימין זאב איז געווען א מוסטער אין מקבל זיין בזיונות באהבה, און אין דינען דעם אייבערשטן מיט א ווארעמקייט און ליבשאפט.

מיטן מנדב זיין דעם ספר לטובת נשמתו פרובירן מיר צו גיין אין זיינע וועגן מיטן פארשפרייטן אויף די וועלט די ריינע תמימות'דיגע און פשוט'ע אמונה, התחזקות אויף לימוד התורה, און וועלן טון דעם רצון ה' ביי יעדע טריט און שריט.